STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02382

# BERIKHT FUN DER ERSHTER KONVENSHON FUN DI SOTSYALISTEN TERRITORYALISTEN FUN AMERIKA

Yidishe sotsyalistish territoryalistishe arbayter

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע

# סאציאליסטיש טערריטאריאליסטישע

ארבייטער פארטיי

# בעריכט

פון דער ערשטער

# ...ענשאן

ISBN:0-657-02382-5
Old Call No.,97-743 v.

## סאציאליסטען טע...ריאליסטען פון אמעריקא.

וואס איז אבגעהאלטען געווארן אין אקטאבער 1906 אין באסטאן מאס.

9

הערויסגעגעבען פון

## צענטראל-קאמיטעט

ניו יארק.

פרייז 10 סענט א קאפיע.

–1496 –



אידישע

# סאָציאַליסטיש טעררימאריאליסטישע

## ארבייטער פארטיי

פראלעטאריער אלער פעלקער פעראייניגט אייך !

# בעריכט

פון דער
ערשטער

# קאנווענשאן

—פון דיא—

## סאָציאליסטען טעררימאריאליסטען
## פון אמעריקא.

וואס איז אבגעהאלטען געווארען אין אקטאבער 1906 אין באסטאן מאס.

הערויסגעגעבען פון

## צענטראל-קאָמיטעט

* * *

דעם 18טען, 19טען, 20טען, 21טען אָקט. 1906, איז אין באָסטאָן אָפּגעהאַלטען געוואָרען דיא ערשטע קאָנווענשאָן פון דער סאָצ. טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקאַ. דיא הויפּט אויפגאבע פון דער קאָנווענשאָן איז געווען שאַפען אַ פּראָגראַם פיר דער פּאַרטיי, און אויסארבייטען אַ סיסטעמאַטישען פּלאַן פיר ארבייט.

דיא סאָצ. טעריט. פּאַרטיי האָט פּאַקטיש עקזיסטירט אַ יאָהר צייט, זייט דעם לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס, ווען דער אוגאַנדע פּראָיעקט איז פערוואָרפען געוואָרען, און די טעריטאָריאַליסטען האָבען פערלאָזען דעם קאָנגרעס.

די קליינע צאָהל פעראיינען, וואָס איז ארויסגעטרעטען פון דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, האָט דאַן פעררופען אַ פּאָר־קאָנפערענץ, וועלכער האָט געוועהלט דעם א. ק. און געבענדיג איהם געוויסע אינסטרוקציאָנען וויא אָנצופיהרען דערווייל דיא ארבייט, האָט דער פּאָרקאָנפערענץ דעם א. ק. אויך געגעבען דאָס רעכט רופען אַ קאָנווענשאָן אין פערלויף פון דעם יאָהר.

דיא פּאָרקאָנפערענץ, וועלכע האָט געהאַט דיא הויפּט אויפ־גאבע וויא עס איז צו אָרגאַניזירען דיא צושפּליטערטע קרעפטען וואָס האָבען פערלאָזט דיא ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט דאַן קיין אויפמערקזאַמקייט געשענקט דעם פּראָגראַם.

דיא ארבייט איז געבליעבען פיר דער קאָנווענשאָן.

דאָס פאָרליעגענדע ביכעל איז כמעט אַ סטענאָגראַפישער בע־ריכט פון דעם אלעמען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. ביים סוף פון ביכעל געפינט זיך אויך דיא רעזאָלוציאָנען, וועלכע זיינען דאָרט

אָנגענומען געוואָרען. אין דיא רעוואָלוציאָנען איז פּאַקטיש קרים־טאַליזירט געוואָרען אונזער פּראָגראַם.

פיעלע אנשויאונגען זיינען געווען פערטרעטען אויף דער קאָנווענשאָן, פערשיעדענע מיינונגען האָבען געהערשט, דאָס האָט אויף דער קאָנווענשאָן ארויסגערופען פּרינציפּיעלע רייבונגען סכסוכים, און מיספערשטענדניסע, דאָך האָבען זיך אויף דיעזע רעזאָלוציאָנען אַלע פעראייניגט.

אין דעם בעריכט האָבען מיר זיך בעמיהט זיין טריי דער ווארהייט — און מיר האָבען קיין זאַך ניט פערשטעלט מיט פּייגענבלעטער אָדער גלאַט פערפּוצט כדי זאָל אויסקוקען שעהנער פאר דער וועלט. דאָס ביכעל איז אַ ריכטיגע און גענויע אָפּשפּיגלונג פון דעם אַלעמען וואָס איז געשעהען, און פּאָרגעקומען, אויף דער קאָנווענשאָן.

## אנפאנג פון קאָנווענשאָן !

דאָנערסטאג, 18טען אָקטאָבער 1906 פּרילימענטערי זיטצונג, אנפאנג 11 אוהר מאָרגענ.

חבר אלבערט אין נאמען פון די באָסטאָנער אראנדזשמענט קאָמיטע פון די ס. ט. ערעפענט דיא זיצונג. — דעלעגאט אויערבאך פון ניו יאָרק טשערמאַן פיר דער זיצונג.

עס ווערט ארויפגעבראַכט דיא טאַגעס־אָרדנונג פון דער זיצונג. עס ווערען ערוועהלט:

1) לעגיטימאַציאָנס אויסשוסס:
י. שניאור, ב. צוקערמאַן, א. גאָלדבערג.

2) פּערמענענץ־אויסשוסס:
דז. גלאבוס, י. גלאבוס, ב. צוקערמאַן, א. גאָלדבערג, א. פּייפּמאכער.

לעגיטימאַציאָנס־אויסשוסס בעריכטעט:

א. ט. אַרבייטער בר. ניו־יאָרק — — — — ה. ניומאַן
קליוולאנד — — — — — — — — ש. דייטש
פילאדעלפיא — — — — — — — ש. שניאור
פילאדעלפיא — — — — — — — אל. בראכמאַן
פילאדעלפיא — — — — — — — ב. צוקערמאַן
פילאדעלפיא — — — — — — — מ. ראזומאַווסקי
באָסטאָן — — — — — — — — ס. אלבערט
באָסטאָן — — — — — — — ד. אייבראַהאַמס
פּיטסבורג — — — — — — — — ש. הורוויץ
ניו־יאָרק, ווארשעווער — — — — נח. מאַשקאַווסקי
מאנטרעאל — — — — — — — א. קאַמעראַוו
מאנטרעאל — — — — — — — י. טשערניאַק

ניו־יאָרק ס. ר. ט. — — — — — — י. מעדאוואניק
ניו־יאָרק ס. ר. ט. — — — — — — דז. גלאבום
שיקאגאָ — — — — — — — — — — — — — — י. נדלר
ניו יאָרק האמליער־מאָהליוער — — — — — — — י. גלאבום
ניו יאָרק האמליער־מאָהליוער — — — — — — מ. לידעוויץ
ניו־יאָרק, ווילנער ס. ט. — — — — — א. בעקער
ניו־יאָרק, ווילנער ס. ט. — — — — — י. פעלדבערג
ניו־יאָרק, סלאָנימער ס. ט. — — — — מ. גראף
ניו־יאָרק, לאמזער ס. ס. — — — — — י. שטיינבערג
בראָנזוויל — — — — — — — — — א. ביינענסאָן
טרענטאָן, ס. ט. — — — — — — — — אל. בודסאָן
ניו־יאָרק, 1טער בר. — — — — — — י. ר. אויערבאך
וואטערבורי — — — — — — — — — י. דאבקין
טאראנטא — — — — — — — — — א. פייפמאכער
ווינניפעק — — — — — — — — — אב. גאָלדבערג
סט. לואיס — — — — — — — — — ל. פייפמאכער
קליוולאנד — — — — — — — — — — ב. מיללער
ניו־יאָרק, סלוצקער — — — — — — — ט. קרעמער
באלטימאָרע — — — — — — — — — — י. סלאָנים
באלטימאָרע — — — — — — — — — — — — — — ב. שפּריטץ

צוזאממען 32 דעלעגאטען.

לעגיטימאציאָנס־אויסשוס בעשטעטיגט די מאנדאטען.

בעשלאָסען צו ערוועהלען פיר יעדע זיצונג איין טשערמאן און איין וויים־טשערמאן פיר דיא נעקסטע זיטצונג.

בעשלאָסען אז דער סעקרעטאריאט זאָל בעשטעהן פון דריי פערזאָן.

א זיטצונג ווערט אנערקענט פיר לעגאל ביי דיא אנוועזענהייט פון צוויי דריטעל דעלעגאטען. דיא אבשטימונג איז דורך העגד אויפהויבען. אויסער ביי דיא וואהלען פון בעאמטע, ווערט בענוצט געשלאָסענע אבשטימונג.

ביי אלע פראגען טהעארעטישע אי פראקטישע, איז דיא אבשטימונג א רעלאטיווע, און עס ווערען נור אין אנבעטראכט גענומען דיא ביי דער זיטצונג אנוועזענדע דעלעגאטען.

ענטהאלטענע שטימען האבען קיין ווירקונג אויף דעם רע־זולטאט פון דער אבשטימונג.

3 דעלעגאטען האבען דאס רעכט צו פערלאנגען פון דער קאנווענשאן אן אויסנאהמע אין שטיממונגס־פארם ביי געוויסע פראגען. דיא פערזאמלונג נעהמט דעם פערלאנג דאן צור אבשטי־מונג. נאר דעלעגאטען האבען דאס רעכט אנטהייל צו נעהמען אין דיא פערהאנדלונגען.

עס פאלגט וואהל פיר סעקרעטאריאט.

עס ווערען ערוועהלט:

ל. פייפמאכער, א. קאמאראף, דז. טשערניאק.

טשערמאן פיר נעקסטע זיטצונג אב. גאלדבערג.

וויים טשערמאן — א. פייפמאכער.

עס פאלגט דיא פערהאנדלונג פון דעם טאגעס־ארדנונג פון קאנווענשאן.

## פראגראם פון קאנווענשאן, אויסגעארבייט פון א. ק.

ערשטער טאג:

פרעלימענערי זיטצונג, 11—9: לעגיטימאציאן׳ס אויסשוסס, שטימונג׳ס פארם פון דער קאנווענשאן, פארזיטצענדע און סעקרעטערע פיר דער קאנווענשאן.

ערשטע זיטצונג, 5 — 1:

־) בעריכט פון א. ק.

2) קריטיק.

3) פעראיינס בעריכטען.

4) קריטיק.

5) רעזאלוציאנען.

צווייטע זיצונג, 12 — 7:

1) אנלייטונג און טהעזיסען איבער סאָציאליזם. דעבאטען און בעשליסע.

2) אנלייטונג און טהעזיסען איבער טעררימאָריאליזם: א) נויטווענדיגקייט, ב) רעאליזירונג, ג) אונזערע ארבייט און מיטעל פיר רעאליזירונג. דעבאטען און בעשליסע.

צווייטער טאָג:

דריטע זיטצונג, 12 — 9:

1) אונזערע נאציאָנאלע פאָדערונגען אין גלות, דעבאטען און בעשליסע.

2) אונזערע בעציהונגען צו דיא יט"א. דעבאטען און בעשליסע.

פיערטע זיטצונג, 5—2: אונזערע בעציהונגען צו דיא סאָצ. טערר. פארטייען אין אויסלאנד: ס. ס. מינסקער פוע"צ, וואָזראָזשדעניע.

פינפטע זיטצונג, 12—7: 1) אונזערע בעציהונגען צו דיא אינלענדישע סאָציאליסטישע פארטייען.

2) אונזערע בעציהונגען צו טרייד־יוניאָניזם און אינאָסטריאליזם.

3) אונזערע בעציהונגען צו דיא אינלענדישע סאָצ. נאציאָנ. פארט.

דריטטער טאָג:

זעקסטע זיטצונג, 12 — 9:

1) אָרגאנ. סטאטוט.

2) בעריכט איבער „דאָס פאָלק". (רעוויזיאָנס קאָמ.)

זיעבעטע זיטצונג, 5 — 2:

1) פארטיי פרעססע.

2) אגיטאציאָן און פראָפאגאנדא.

אכטע זיטצונג, 12 — 7:

1) וואהלען פיר סעק. און א. ק.

2) פערשיעדענע פאָרשלעגע און רעזאָלוציאָנען.
3) שלוסס דער קאָנוועגשאָן.

טאַגעס־אָרדנונג פון 1טער זיטצונג גוט־געהייסען.

ביים 2טען פונקט פון דער טאַגעס־אָרדנונג וואָס לויטעט: „איינלייטונג אן טהעזיסען איבער טעריטאָריאַליזם.“ פערלאַנגען דיא פילאַדעלפיער דעלעגאַטען, צוקערמאַן, שניאור און ראזומאָווסקי אויך אַ רעפעראַט איבער נאַצ. און דעבאַטען. דער פונקט ווערט דעבאַטירט. עס ווערען ענדליך ערוועהלט צוויי גע־נעראַל רעדנער ראזומאָווסקי — דאַפיר; אב. גאָלדבערג — דאַגע־גען. בעשלאָסען דיא פון פילאַד. דעלעגאַטען אריינגעבראַכטע רעקאָ־מענדאַציאָן צוריקצו־צוויזען.

2טע זיטצונג פון טאַגעס־אָרדנונג גוט־געהייסען.

3טע זיטצונג — גוט־געהייסען.

עס פאָלגט אַ פאָרשלאַג פון ראַזומאָווסקי צו פערהאַנדלען ביי דעם פונקט: אונזערע נאַצ. פאָדערונגען אין גלות. דיא פראַגע פון בצלאל. בעשלאָסען עס פערשיעבען צום פונקט: „פערשיע־דענעס“.

שניאור שלאָגט פאָר: אנשטאַט צו רעפערירען בלויז איבער אונזערע נאַצ. פאָדערונגען אין גלות, זאָל גערעדט ווערען איבער אונזער נאַציאָנאַליזם און אונזערע נאַצ. פאָדערונגען אין גלות. פאָרשלאַג צוריקגעוויזען

אין דער טאַגעס־אָרדנונג פון דער 4טער זיטצונג ווערט גע־מאַכט אַן אויסבעסערונג: אַנשטאָט דעם וואָרט „וואזראָזשדעניע“ ווערט אריינגעשטעלט „י. ס. א. פ.“

דיא טאַגעס־אָרדנונג פון דיא איבעריגע זיטצונגען ווערט גוט געהייסען.

בעשלאָסען, אַלע נייע פאָרשלעגע, וויא רעזאָלוציאָנען, איבער־צוגעבען דער רעזאָלוציאָן׳ס קאָמיססיע.

זיטצונג געשלאָסען 3 אוהר.

## 1טע אָרדענטליכע זיטצונג.

דאָנערשטאג 4 נאָכמיטאג.

### טשערמאַן אב. גאָלדבערג.

### וויס טשערמאַן א. פייפמאַכער.

אב. גאָלדבערג האַלט אַ קורצע ערעפנונגס רעדע, ער מיינט, עס איז ניט נויטיג צו בעגייסטערן דיא דעלעגאַטען, ווייל זיי זיינען עס. ער ווייזט אָן אויף דער טהעטיגקייט פון אונזער פאַרטיי פיר דעם יאָהר, דערמאָנט אונזער שפּאַלטונג מיט דער ציונ. אָרגאַנ. און אונזער פערלעגענהייט, אין וועלכער מיר האָבען אונז געפונען צו יענער צייט. אָנגעהויבען צו אַרבייטען האָבען מיר דאַן מיט 8 פעראיינען, איצט צעהלען מיר קרוב 40. ער מיינט, אַז אונזער קאָנווענשאָן דאַרף ניט זיין כלפּי חוץ, נור מעהר כלפּי פּנים. ער אַפּעלירט צו דיא דעלעגאַטען פון דיא פערשיעדענע ריכטונגען און שאַטיערונגען ניט צו זיין שמאָל, נור פּרובירען פערשטעהן איינע דיא אַנדערע, שאַפען אַ געזונדע פּלאַטפאָרם פיר אונזער פּאַרטיי, וועלכע זאָל צו דער זעלבער צייט קענען אַרומנעהמען אַלע ס. ט. פון אַמעריקאַ. — (אַפּלאָדיסמענטען).

טשערמאַן לעזט פאָר אַ מעסעדזש און בעגריסונג פון איזראעל זאַנגוויל, פּרעזידענט פון דער יט"א אין לאָנדאָן. עס פאָלגט אַן איבערזעטצונג אין אידיש. — שניאור שלאָגט פאָר צו איבערזעצען דעם מעסעדזש אין אידיש און עס העקטאָגראַפירען אין פיעלע עקזעמפּליאַרען. פאָרשלאַג איינשטימיג אָנגענומען.

ערהאַלטען אַ קייבעלגראַם פון רוסישען צ"ק ס. ס. וועלכער לויטעט: — בעגריססען פריידיגסט דיא קאָנווענשאָן, ווינשען שוועסטער פּאַרטיי ערפאָלג פאַר אונזער אידעאַל.

בעגריסונגס טעלעגראַמע פון שוירט מייקערס יוניאָן אין פילאַדעלפיא: אַנערקענונג פון אייער ארבייט פיר דיא ארבייטער קלאַססע, און ווינשען ערפאָלג פיר אייער ווייטערע אונטערנעהמונגען פיר דיא אַרבייטער קלאַסע.

ווייטערע בעגריסונגס טעלעגראמען ערהאלטען פון:

ווארשעווער ראיאן ס. ט. ניו־יארק.; ס. ט. פילאד.; פינסקער ראיאן ס. ט. נ. י.; חבר זיעגמאן, פילאד.; קליבאנסקי, דייטש, הויזמאן פיטסבורג; מאנטרעאל ס. ט.; פיטסבורג, נוארק; ווילנער ראיאן ס. ט. נ. י.; צ"ק קליוולאנד. בעגריסונגס בריעף פון איניגע חברים פון באס־טאנער י. ט. א. פ.

סעק. א. פייפמאכער לעזט פאר דעם בעריכט פון דער פאר־טיי וויא פון דעם א. ק. פאר דיא לעצטע 9 מאנאט צייט.

מיט 10 פעראיינען זיינען מיר געקומען צום פאר־קאנפערענץ: 10 פעראיינען מיט א מיטגליעדערשאפט פון 200 חברים וועלכע זיינען געבליבען נאך דעם וויא עס איז פארגעקומען דיא צושפאל־טונג אין דער ציונ. ארגאניזאציאן. איצט צעהלען מיר 33 גוט שטעהענדע פעראיינען, אזעלכע וואס צאהלען פארטיי־שטייער און בעזיטצען א גענוגענדע צאהל חברים, וואס בערעכטיגט זייער פעראיין'ם עקזיסטענץ — פון 15 ביז הונדערט — און 12—10 גרופפען, וואס האבען א גענוגענדע צאהל חברים און א גוטען עלעמענט פיר דער ענטוויקלונג פון שטארקע פעראיינען.

סך הכל זיינען אין דיא דערמאנטע פעראיינען און גרופפען ארגאניזירט העכער 15 הונדערט חברים, אזעלכע וואס בעזוכען שטענדיג דיא מיטינגען און אינטערעסירען זיך מיט דער ארגא־ניזאציאן וויא מיט זייער פעראיין און נאך פיעל מעהר חברים וועלכע שטעהען אביסעל ווייטער פון דער ארגאניזאציאן.

ווען מען זאל נעהמען אין אנבעטראכט אז קיין אלגעמיינע טעררריטאריאליסטישע ארגאניזאציאן האבען מיר דא ניט, אז עס האט דא איבערהויפט געפעהלט דיא טעררימאריאליסטישע ספערע אז מיר זיינען געווען דיא גאנצע צייט דיא איינציגע טרעגער פון דער טערר. אידעע, קען מען זיך, גלויב איך, מיט דעם צו־וואוקס פון חברים צופרידענשטעלען.

אויסער דעם צאהל ארגאניזירטע חברים, זיינען דא אין

פיעלע שטעדט אייגצעלנע חברים, מיט וועלכע מיר שטעהען אין פערבינדונג און וועלכע, ווען מיר וועלען זיין אימשטאנדע זיי צו לייסטען דיא נויטיגע הילף, וועלען שאפען אונז א גאנצע רייהע פון נייע ארגאניזאציעס.

פון אזא מין פערבינדונג האבען מיר אים לויפע פון דיא לעצטע 3 חדשים אויפגעבויט פיעלע פעראיינען, און דיא צאהל פון דיא פעראיינען וואלטען פיעלייכט היינט געווען נאך א מאל אזוי גרוים, ווען מיר וואלטען געהאט דיא נויטיגע מיטלען דאצו.

דער עלעמענט וואס שטעלט צוזאמען דיא ארגאניזאציאן איז פערשידען. אין נויארק בעשטעהט ער כמעט אין גאנצען פון אהער אריבערגעקומענע חברים פון רוסלאנד (ס. ס. און פוע"צ טערר.) ניט פיעל געפינען זיך דא געווארענע חברים. גאנץ אנדערש שטעהט עס אין דער פראווינץ. נאך דיא בעריכטען וואס מיר האבען בעקומען איז מעהר וויא דיא העלפט דא געווארענע חברים, אזעלכע וואס האבען אין רוסלאנד צו קיין ארגאניזאציע ניט בעלאנגט און זעהר פיעל געוועזענע בונדיסטען, פוע"צ א. ד. גל.

דיעזע ערשיינונג איז איבערהויפט זעהר אן ערפרעהענדע, ווייל עס זיינען דא פיעלע, זאגאר אין אונזערע רייהען, וואס דיינקען, קוקענדיג אויף ניו־יארק, אז דער איינציגער עלעמענט וואס בויט אונזער ארגאניזאציע איז דער אהער אריבערגעקומענער רוסישער חבר.

עס איז מעהר קיין צווייפעל אז זאגאר אין נויארק האבען מיר א זעהר גרויסע צאהל פריינדע און אנהענגער פון אונזער בעוועגונג. עס איז פיעלייכט בלויז אונזער שולד וואס מיר האבען אט דיעזע אנהיינגער נאך ניט ארגאניזירט. וואלט דיא פארטיי צב"ש ארויסלאזען אזא מין „שקל“ וואס זאל פערקויפט ווערען פיר א קליינע סומע (25 ס.) צו בלויז פריינדע פון אונזער בעוועגונג און וועלכער זאל זיי בערעכטיגען אנטהייל צו נעהמען אין אלע וויכטיגע ארגאניזאציאן׳ס פראגען וויא אויך אין דיא וואהלען צור קאנווענשאן, וואלט אונז דאן געווים געלונגען ארגאניזירען

דיא גרויסע מאַסע אידישע ארבייטער, וועלכע מיר האָבען אין דער צייט פון אונזער טהעטיגקייט געוואונען אויף אונזער זייט און וועלכע האָבען אָבער ניט דיא געלעגענהייט אָדער דיא מעגליכקייט זיך אָנצושליסען אָן אונזערע פעראיינען.

אין אונזער אָרגאַניזאַציאָן געפינט זיך איצט נאָך אַן עלעמענט וואָס איז זעהר וויכטיג פיר אַ בעוועגונג, — אַקאַדעמישע יוגענד. אין דיא גרעסערע וויא דיא קלענערע שטעדט געפינען זיך פיעלע פון אונזערע חברים אין דיא אָרטיגע אוניווערסיטעטען, און מען קען ערוואַרטען אַז קירצליך וועט אונזער אידעאַל האָבען אַן אייגענע יונגע אינטעליגענץ, ווען דיא עלטערע אינטעליגענץ האַלט זיך פאָרלויפיג ווייט פון אונזער בעוועגונג, צוליעב איהר אַססימילאַציאָן'ס שטיממונג..

פון דעם פינאַנציעלען רעפּאָרט קענט איהר זעהען וויא וויית דער מאַנגעל אין געלד האָט זיך געלאָזט פיהלען אין א. ק. אַ דעפיציט פון אַזאַ סוממע, האָט זיך געמוזט אָברופען אויף דער טהעטיגקייט פון א. ק. ביי יעדער געלעגענהייט ווען דעם א. ק. איז אויסגעקומען עפּעס צו אונטערנעהמען ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אָרגאַניזירען געוויסע שטעדט, העלפען מאַנכע פעראיינען זיך פערשטאַרקען, איז דיא געלד פראַגע אונז אימער געשטאַנען אין וועג.

דיא אַגיטאַציאָן און פּראָפּאַגאַנדאַ וואָס איז געפיהרט געוואָרען איז נאָך דיא אומשטענדען געוועזן צופריעדענשטעלענד. זאָ מוז מען זיך קודם כל רעכענען מיט דעם פאַקט אַז מיר האָבען נאָך ניט געהאַט קיין אויסגעאַרבייטע פלאַטפאָרם און דאָס איז טהיילווייז דיא סבה וואָס פיעלע חברים וואָס וואָלטען אונז געקאָנט לייסטען הילף אין דיעזער הינזיכט האָבען זיך צוריקגעהאַלטען. דאַן מוז מען ווידער קומען צו אונזער גרעסטע צרה, דער מאַנגעל אין געלד.

פיעלע פון אונז דיינקען אַז מיר האָבען ניט קיין מענשען, מיר זיינען אָרעם אין אינטעליגענץ. עס איז אָבער אַ גרויסער טעות.

מיר האָבען געגוג חברים וואָס זיינען פעהיג צו רעפּרעזענטירען, דארצולעגען אונזערע פּרינציפּען — ווען אזעלכע וועלען אויסגע־אַרבייט ווערען — פיר די בּרייטע מאססען, מיט וואָרט און שריפט. אונז פעהלען נור די מיטלען, צו געבען אָט דיזע חברים די מעגליכקייט אויסצונוצען זייער אינטעליגענץ פיר אונזערע פּאַרטיי צוועקען.

וויא געזאָגט, איז די אַגיטאַציאָן אונטער די אומשטענדען געווען געפיהרט אויפ'ן בעסטען מעגליכסטען וועג. אונגעפעהר 400 לעקטשורס און מאַסענפערזאַמלונגען זיינען אָבגעהאלטען גע־וואָרען אין דער אָרגאַניזאַציאָן אין דעם משך פון די 9 חדשים. פיעלע פון זיי זיינען געווען מיט דער הילף פון א. ק. אין צייט פון טור וואָס איז געווען אָרגאַניזירט פון א. ק. מיט די חברים אב. גאָלדבערג און י. גלאבוס, איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פער־שיעדענע שטעדט אַן ערך פון 50 פערזאַמלונגען און דאָס אַלעס בלויז אין 6—5 וואָכען צייט. צוליעב דער געלד סבה איז געווען אונמעגליך נאָכצוקומען דעם פערלאַנג פון פיעלע אָרגאַניזאַציאָ־נען, וויא אויך פון איינצעלנע חברים פון פערשיעדענע שטעדט (זאָגאַר פון געגנערישע אָרגאַניזאַציאָנען), צו שיקען רעדנער. עס האָט צב"ש פּאַסירט אַז בונדיסטען האָבען פערלאַנגט מען זאָל זיי צושיקען א לעקטשורער זיי געגוי צו בעקאָנען מיט אונזער פּראָגראַם.

אויסער די לעקטשורס און מאַסמיטינגען זיינען אָבגעהאַל־טען געוואָרען פיעל אָפען־עיר מיטינגען. דיעזער אַגיטאַציאָנס מי־טעל האָט זיך ארויסגעצייגט זעהר פּראַקטיש און ערפאָלגרייך אין די גרעסערע שטעדט, איבערהויפּט אין זומער צייט, ווען עס איז שווער צו קריגען דעם עולם אין האַלל. עס איז אויך פּראַקטיצירט געוואָרען אין אזעלכע ערטער וואו אונזערע פעראיינען זיינען נאָך ניט געווען פּאָפּולער גענוג, צו פערזאַמלען א גרויסען פּובליקום. דורך אָפטע אָפען עיר מיטינגס איז זיי אָבער געלונגען צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום און עס האָט אַלזאָ געהאָלפען זייער פּאָפּולאַריטעט.

צו דער אַגיטאַציאָן און פּראָפּאַגאַנדא דאַרף נאַטירליך צוגע־רעכענט ווערען דיא וויכטיגסטע אינסטיטוציאָן, אונזער צייטונג „דאָס פאָלק“, וועלכע איז ערשיענען פיר 22 וואָכען (דיא ערשטע 3 וואָכען — אויף דער איניציאַטיווע פון פילאַד. פעראיין, אונאַב־הייגניג פון א. ק.)

דיא צייט רעכענען מיר פיר אַ גאַנץ בעזונדערן פעריאָד אין אונזער אָרגאַן. לעבען און מיר וועלען זיך גענויער איבער דעם אָבשטעלען ווען עס וועט פערהאַנדעלט ווערען ספּעציעל דיא פראַגע פון „דאָס פאָלק“. יעצט וועלען מיר בלויז זאָגען, אַז טראָץ דעם וואָס מיר קאָנען ניט פערזיכערן אַז „דאָס פאָלק“ האָט געהאָלפען פערטיעפען אונזערע אידעען, — עס איז פיעלייכט אויך ניט געווען זיין אויפגאַבע, — האָט עס אָבער געוויס זעהר פיעל געהאָלפען פערשפּרייטען אונזערע אידעען אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלאַך פון לאַנד. „דאָס פאָלק“ האָט אונז געוואונען ניט בלויז סימפּאַטייזער נור אויך אַנהייגנגער, אַזעלכע וואָס האָבען אים לויף פון דער צייט געבילדעט גרופּפּען און נאָכדעם פעראיינען. מיר האָבען דורך „דאָס פאָלק“ דערגרייכט אין גרינוויל, ניו־אָרלעאַנס, קאלגארי —קענעדא, בוענאַס איירעס — אַרגענטינא און נאָך אַזעלכע ווייטע שטעדט, וואו מיר האָבען געוואונען אויסער אַ גרויסע צאָהל פריינדע אויך אָרגאַניזירטע גרופּפּען און אַנדערש־וואו שטאַרקע פעראיינען.

„דאָס פאָלק“ האָט שטאַרקער פערבונדען דיא אָרגאַניזאַציאָן און האָט זעהר פיעל אויפגעטהאָן אויך אין ריינעם אָרגאַניזאַציאָנס זינן. עס האָט פיעל אויפגעהויבען דעם פּרעסטידזש פון דער פּאַר־טיי, איהם אויפגעהויבען צו דער שטופע און איהם געזיכערט אַזוי, אַז דיא נידערלאַגע, דאָס אויפהערען צו עקזיסטירען פון צייטונג, האָט דער פּאַרטיי מעהר ניט געשאַדעט.

דאָס פּראָגראַם־לאָזיגקייט פון אונזער פּאַרטיי האָט נאַטיר־ליכערווייזע געמוזט פיעל שטערן אונזער בעטהייליגונג אין דעם היגען אידישען אַרבייטער לעבען. אונזער פּאַרטיי האָט ניט געהאַט

דיא מעגליכקייט פּראָגראַמאַטיש פעסטצושטעלען איהרע בעציהונג צו דער היגער סאָציאַליסטישער וויא ארבייטער בעוועגונג. עס איז דאַרום קיין וואונדער וואָס מיר קענען ניט אָנצייגען אויף גרויסע פאָרטשריטע אין דעם הינזיכט. נור טראָטץ דעם האָט אונזער אָר־גאַניזאַציאָן דאָך אריינגעטראָטען אין לעבען און אונטער פערשיע־דענע אומשטענדען בייגעטראָגען איהר טהייל אַרבייט. דאָס לעבען האָט געצוואונגען אונזערע פעראיינען, אלס טהיילען פון א לעבעדי־גע אָרגאַניזאַציאָן צו טהאָן וואָס זיי האָבען געקענט פיר דער ארביי־טער בעוועגונג. אַזוי געפינען מיר אַ רייהע סטרייקס, וועלכע ווערן פיעל געשטיצט און אין מאַנכע ערטער זאָגאר געפיהרט פון אונזערע פעראיינען: פּיטסבורג—בעקער סטרייק, טרענטאָן—סקווירט מיי־קער, פילאַדעלפיא—שוירט מייקער א. ז. וו.

אין מאַנכע ערטער האָבען אונזערע חברים זאָגאר געהאָלפען גרינדען נייע יוניאָן'ס פון ניט אָרגאַניזירטע טריידס, צ. ב. ש. בלעכער יוניאָן, אייזען ארבייטער יוניאָן איזניו־יאָרק און אַנדערע אין פערשיעדענע שטערט.

וויא ווייט אונזער פּראָגראַם האָט עס ערלויבט האָבען אונ־זערע פעראיינען אין פערשיעדענע שטעדט זיך טיכטיג בעטהייליגט אין דעם סאָציאַליסטישען קאַמפּיין. ניט אין אַלע שטעדט האָט מען אונז ערלויבט אַנטהייל צו נעהמען אין דער סאָצ. ארבייט, זעהר פיעל האָבען אונז געשטערט דיא גענאָסען אסימילאַטאָרען.

צו די פערשיעדענע ערשיינונגען וואָס האָבען פּאַסירט דעם יאָהר און אונזער אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך אָבגערופען געהערט אויף דיא „מאַקסים־אַפּערע", צו וועלכע דער א. ק. וויא איינצעלנע פער־איינען האָבען גענומען אַ שטעלונג. פילאַדעלפיא, באַלטימאָרע האָ־בען ארויסגעלאָזען פּראָקלאַמאַציעס פון זיין כבוד וועגען, ווען „ער" האָט זיי זעהר נידריג אַטאַקירט אויפ'ן פּלאַץ. דאַן האָט זיך אָנגע־פאַנגען דער זאָגענאַנטער באָיקאָט געגען דער „וואהרהייט". דער א. ק. האָט דאַן גענומען דאָס וואָרט, געוואָרענט דיא היגע סאָ־ציאַליסטישע וויא ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציאָנען זיך ניט צו לאָזען

שלעפּען אין זומפּ וואו דיזער „פיהרער“ וויל זיי פערשלעפּען און אויך ערקלעהרט, אַז מיר וועלען שטענדיג פערטהיידיגען דעם פּרינציפּ פון פרייע פּרעסע, ווען דער באָיקאָט ווערט אַפילו געפיהרט פון דיא כלומרשט סאָציאַליסטען.

אויסער דיא אינערליכע און אינלענדישע אַרבייט האָט אונזער אָרגאַניזאַציאָן אויך אַריבערגעטראָגען איהר טהעטיגקייט אויף יענער זייט אָקעאַן. עס־איז געווען קלאָהר אז אונזערע ברידער, חברים אין רוסלאנד, אונזער שוועסטער פּאַרטיי אין דער צאַרישער מדינה, דיא פּאַרטיי וועלכע בילדעט דעם גרעסטען עלעמענט פון אונזער היגער אָרגאַניזאַציאָן, אַז מיט דיזער פּארטיי מוזען מיר קומען אין אַ פערבינדונג, צו לייגען דעם פונדאַמענט פון אַלוועלטליכער סאָצ. טערר. פּאַרטיי.

מיט פרייד קענען מיר זאָגען, אַז מיר האָבען עס עררייכט, אַז דיא פערברידערונג פון דיא צוויי שטאַרקסטע סאָצ. טערר. פּארטייען פון ביידע זייטען פון אָקעאַן איז געשעהן.

דעם ערשטען שריט דאַצו האָבען מיר געמאכט מיט דעם וואָס מיר האָבען געשיקט אַ דעלעגאַט, חבר אב. גאָלדבערג, צו זייער פּאַרטיי צוזאַמענפאָהר אין לייפּציג, דייטשלאַנד. מיר האָבען דורך דעם קענען געלערנט איינע דיא צווייטע אַלס פּארטייען און געשלאָסען דעם ברודער פערבאַנד. מיר זיינען דיא גאַנצע צייט געשטאַנען מיט זיי אין אַן ענגע פערבינדונג און זיך מיט איינאַנדער בעראַטהען אין געוויסע פראַגען. זיי האָבען אונז געזאָלט שיקען זאָגאַר אַ דעלעגאט צו אונזער קאָנווענשאָן און ער איז נור צוליעב אונאַבהייניגיגע פון זיי סבות, ניט געקומען צור צייט. ער וועט אָבער זיכער קומען נאָך דער קאָנוועשאָן.

מיר האָבען אָבער געוואוסט אַז קיין פּאָלשטענדיגע פערברידערונג, קיין פּאָלשטענדיגער פערבאַנד פון דיא סאָצ. טערר. כוחות קען ניט געשעהן אַזוי לאַנג וויא דאָרט אין רוסלאנד קומט פּאָר אַזאַ ברודער־קריעג וויא צווישען דיא ס. ס. און פּוע״צ טערריטאָריאַליסטען. מיר זיינען געווען איבערצייגט אַז עס איז זעהר שעד־

ליך פיר דעם וואוקס פון דער פארטיי און איהר טהעטיגקייט און אז זיא קען פערמידען ווערען. מיר האָבען דארום אויף זיך גענומען דיא איניציאטיווע זיי צו פעראייניגען און אזוי שנעל וויא מיר האָבען ערפאהרען פון דיא אָרגאניזירונג פון דיא א. ט. א. פ. האָבען מיר זיך צו זיי געווענדעט. מיר קענען נאָך פאָרלויפיג פון קיין רעזולטאטען ניט מעלדען. פון אונזער זייט וועלען מיר אָבער טהאָן אלע מעגליכע אום דאָס צו האָבען פערווירקליכט.

מיר האָבען אויך געשטיצט דיא רוסישע חברים מיט געלד און צוזאמען מיט דיא זעלבסט־פערטהיידיגונג געלדער (דורך דער דזשואיש דעפ. אסס׳ן) איז געשיקט געוואָרען אן ערך פון $12.000

אונזער אויסלענדישע פערבינדונג האָט אויך דערגרייכט דער י. ט. א. און איהר פרעזידענט מר. י. זאנגוויל. מיר האָבען דעם פרעז. פון דער י. ט. א. בעקאנט מיט אונזער פארטיי און אויך אויסגעדריקט אונזער וואונש־צו זעהען א לעבעדיגע טערר. פארטיי. מיר האָבען אויך געפאָדערט דיא בערופונג פון א קאָנגרעס.

דער סך הכל איז, אז מיר זיינען איצט אין שריפטליכע פערבינדונג און געמאכט אלזאָ דעם אנפאנג פיר וויטערע פערבינדונג מיט דער יט״א, וויא דיא קאָנווענשאָן וועט געוויס בעשליסען.

צום שלום וויל איך זאָגען, חברים דעלעגאטען, אז פיעלע דיינקען דאָס דער פלאַץ פיר אידעאלען איז רוסלאנד, אז דער פלאַץ פון פראָלעטארישען קאמפף איז נור דיא ארץ הדמים, און ניט דאָ אין דער מדינה פון עגל הזהב. עס איז א טעות. פערקעהרט, אויב דאָרט אונטער דיא ערגסטע אומשטענדען איז דאָ פלאַץ פיר אידעאלען, אויב דאָרט איז דאָ פלאַץ פיר אן ענערגישען קאמפף. פיר דיא צוקונפט, דאן איז צווייפעללאָז דאָ, ביי בעסערע אומשטענדען, ביי גרעסערע מעגליכקייט פלאַץ גענוג אָנצופיהרען אונזער סאָצ. טערר. ארבייט. מיר דארפען נור אויסארבייטען א פראָגראם, א געוויסען פלאן וואָס זאָל זיין געגרינדעט אויף אונזער ביזהעריגע ערפאהרונג. דאָס וועט דיא קאָנווענשאָן געוויס ערפיללען און דאן זיינען מיר זיכער מיט אונזער זיעג.

## בעמערקונג צום רעפּאָרט.

דעל. שנייאור בעמערקט, אז אין „בעריכט“ איז אויסגעלאָזען דער דעטאילער רעפּאָרט איבער אונזער סאָצ. ארבייט וויא אויך דיא בעציהונג פון דיא סאָצ. פּארטייען צו אונזער פּארטיי.

טשערמאַן מאכט אויפמערקזאם, אז דעלעגאטען זאָלען עס נעהמען אין אכט אין זייערע פּעראיינס רעפּאָרטען.

פּיטסבורגער דעלעגאט, בעמערקט, אז דיא פּיטסבורגער אָרג. האָט זיך פערייניגט מיט דיא ס. פּ., דאָס זעלבע בעריכטעט דער דעלעגאט פון שיקאגאָ — דעלעגאט ביינענסאָן בעמערקט, אז דער רעפּאָרט זאָגט גאָר ניט וועגען דיא לעצטע קאָנפערענץ פון דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין ניו־יאָרק און אונ־זער אנטהיילנאהמע אין איהר.

עס פאָלגט קריטיק איבער דעם בעריכט.

דעל בראכמאן שלאָגט פאָר, אז דיא קריטיק זאָל שטאַט־פינדען ביי פערמאכטע טהירען. פאָרשלאג דורכגעפאלען. בע־שטימט רעדע־צייט פיר קריטיקער 5 מינוטען.

דעל. גראף, אטאקירט שארף דיא האנדלונג פון א. ק. און זיין האלטונג אין דעם פאָרווערטס—ווארהייטס סכסוך. מיט דער „ווארנונג“ וואָס ער האָט געדרוקט אין ווארהייט. דער א. ק. מיינט ער, האָט זיך ניט בעדארפט ארייננמישען אין דער קאָנקורענץ צווישען צוויי צייטונגען.

דעל. פעלדבערג, מיינט דער א. ק. האָט קיין זאך ניט אויפ־געטהאָן, א חוץ זיין ארבייט פיר „דאָס פאָלק“. ער גיט איהם אָבער קרעדיט פיר זיין טור, וועלכען ער האָט אָרגאניזירט מיט גאָלד־בערג און גלאבוס. — ער מיינט, דער א. ק. אלס גאנצעס עקזיס־טירט גאָר ניט. חבר זאלקינד גלייך נאָך דער לעצטער פאָרקאָנ־פערענץ, האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער ארבייט, און האָט אפילו ניט געצאהלט פארטיי שטייער, אויערבאך האָט ניט געארבייט, ל. פייערמאכער האָט נור טהיילווייז געארבייט, דיא גאנצע ארבייט

איז נור געטהון געוואָרען דורך אב. גאָלדבערג, א. פייפמאכער און י. גלאבוס. קריטיקירט דעם א. ק. פיר דעם וואָס ער האָט קיין מאָל ניט אפעלירט צו דיא חברים צו ארבייטען אין דיא יוניאָנס, אין דער צייט ווען א ווארנונג אין ווארהייט האָט ער יא געפונען פאר נייטהיג צו פערעפענטליכען, כאָטש ער איז ניט געגען דער ) ווארנונג, ער האָט אויך קיין מאָל דיא חברים ניט אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם שלעכטען פינאנציעלען צושטאנד פון דער פארטיי. אין ניו־יאָרק האָט ער גאָר ניט געארבייט, דיא גאנצע ארבייט איז פעררִיכט געוואָרען פון דעם ניו יאָרקער צ. ק.

דעל. קרעמער, איז אין א געוויסער הינזיכט צופריעדען מיט דעם בעריכט. ער מיינט אָבער אז עס בלייבט נאָך זעהר פיעל צו ווינשען. עס איז אמת, אז נאָכדעם וויא „דאָס פאָלק“ האָט אויפגעהערט ערשיינען האָט דיא פארטיי אָנגעהויבען צו ארבייטען ענערגיש, דאָס שרייבט ער אָבער ניט צו אויף דעם רעכנונג פון דעם א. ק. נור גיכער אויף דעם חשבון פון דיא חברים, וועלכע האָבען געפיהלט א אינסטינקטיווען דראנג פיר ארבייט. אין דיא צירקולארען האָט דער א. ק. קיין מאָל דיא חברים ניט אויפגעפאָרדערט צו ארבייטען פיר דעם טרייד־יוניאָניזם און סאָציאליזם. זיין אנטהיילנאהמע אין דער קאָנפערענץ פון דיא געווערקשאפטען איז ניט געווען אויף זיין אייגענער איניציאטיווע נור אויף דעם אויפפאָדערונג פון דיא ניו־יאָרקער חברים. — דיא ביסעל ארבייט, וועלכע איז אין דער לעצטער צייט יא געטהון געוואָרען פון דיא חברים פיר דעם טרייד־יוניאָניזמוס און סאָצ. וויל ער באין אופן ניט צושרייבען אויפ'ן רעכנונג פון א. ק. — דער א. ק. האָט אויך ניט אויפגעפאסט אויף דיא ארבייט פון דעם נ. י. צ. ק.

דעל. מיללער, פארענטפערט דיא אונטהעטיגקייט פון אייניגע חברים פון א. ק. דאמיט וואָס דיא לעצטע זיינען געווען קאָאָפטירט פון דעם א. ק. און זיינען דאהער ניט פעראנטוואָרטליך פיר דער קאָנווענשאָן. — קריטיקירט דעם א. ק. דערפאר וואָס ער

האָט ניט געאַרבייט פיר דעם פּאָליטישען קאַמפּיין אין ניו־יאָרק, האָט זיך ניט בעזאָרגט צוצוציהען דעם פון אונזער בעוועגונג אנטר לויפענדען עלעמענט, אויך ניט פיר דעם אמעריקאניזירטען עלעמענט. רעקאָמענדירט דעם נעקסטען א. ק. עס אין אכט צו נעהמען.

דעל. ביינענסאָן, מיינט, אז דער א. ק. האָט אין אגיט. זינן כמעט וויא גאָר ניט אויפגעטהון אין נ. י. דיא 8—7 בר. וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען אין נ. י. זיינען ניט געוועזן צוליעב דער איניציאַטיווע פון דעם א. ק. און האָבען אויך פון דעם לעצטען קיין מאָל קיין הילפע בעקומען. זעלטען ווען, ער האָט בעוויליגט א לעקטשורער. אין ברוקלין וואו עס האָט זיך געפאָדערט הילפע פיר דעם בר. האָט דער א. ק. גאָר ניט געטהון, דאָס זעלבע אין בראָנזוויל. פיעל צייט האָט געדויערט ביז האָט ענדליך דאָך בעוויליגט פיר בראָנזוויל א לעקטשורער. ער מיינט, אז דער א. ק. פערדיענט קיין דאנק.

דעל. ניומאַן, אטאַקירט שאַרף דעם א. ק. וועגען זיין צו־נאהענטע פערבינדונג מיט דיא ס. ס. פון רוסלאנד. ער מיינט, אז אין דער צייט ווען דער א. ק. האָט אויף זיך גענומען דיא אויפגאַבע צו פעראייניגען דיא ס. ס. מיט דיא י. ט. א. פּ. האָט דער א. ק. בעדארפט זיין נייטראל צוביידען. ער האָט עס אָבער ניט געטהאָן, דיא גאנצע פינאַנציעללע שטיצטע האָט ער געשיקט דיא ס. ס. און ניט אן דיא י. ט. א. פּ. איהם פארדריסט ניט אזוי דיא געלד, וויא דער פּרינציפּ.

עס ערשיינט א קאָמיטע פון דיא ס. ל. פּ. באָסטאָן, דיא קאָמיטע פערלאנגט דאָס וואָרט, צו ערקלעהרען וועגען דער פּראָ־גראם פון ס. ל. פּ. אזוי וויא דער פונקט דאַרף פערהאַנדעלט ווערען אויף דער קאָנווענשאָן.

פאָרשלאָג צוצולאָזען.

דעל. אויערבאך, שלאָגט פאָר עס אָבצולייגען ביז צו דער פערהאַנדלונג וועגען אונזער שטעלונג צו דיא היגע ס. פּ.

צוקערמאן, שלאגט פאר ניט צוצולאזען סיידען מיר וועלען אויך האבען א. ס. פ. דעלעגאט.

מיללער מיינט, מיר זיינען גענוג אָריענטירט איבער דיא פלאטפארם פון דיא ס. ל. פ. און דאהער נייטיגען מיר אונז ניט אין א רעפרעזענטאציאן פון דער זעלבער.

טשערמאן שטיממט, פיר און געגען א גלייכע צאהל שטיממען.

**טשערמאן אב. גאָלדבערג, ענטשיידעט געגען צולאָזען.**

שניאור בעמערקט, אז דיא חברים האבען ניט פערשטאנען דעם פארשלאג, פערלאנגט איבערצושטיממען אויב דאס קאָמיטע זאל צוגעלאזען ווערען איבערהויפט, ניט ציהענדיג אין אנבעטראכט, דיא צייט פון זייער צולאזען. צוקערמאן בעמערקט, אז עס וואלט יא געווען וויכטיג אויסצוהערען דיא קאמיטע, וויל מיר ווייסען נאך ניט גענוג וועגען איהר. טשערמאן גאלדבערג מיינט, מיר ווייסען גענוג. עס פאלגט א צווייטע אבשטיממונג. עס שטימען 11 דאפיר, 16 דאגעגען.

דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט צו שיקען א דאנק בריעף צו דער באסטאנער ארג. פון דיא ס. ל. פ. פיר זייער בריעף, און זיי ערקלעהרען דיא אנגעלעגענהייט.

עס פאלגט דיא ווייטערדיגע קריטיק, איבער דעם בעריכט פון דעם א. ק.

דעל. שניאור, איז איינפערשטאנען מיט דער האנדלונג פון א. ק. מיט דעם וואס ער האט געשיקט א דעלעגאט צו דעם צוזאמענפאהר פון דיא ס. ס. איז אבער שטארק ברוגז אויף זיין צו אינטימע פריינדשאפט מיט דיא לעצטע. ער מיינט דער א. ק. האט בעדארפט זיין נייטראל. קריטיקירט שארף דעם א. ק. פיר דעם וואס דער לעצטער האט פערנאכלעסיגט צו פערשפרייטען דיא י. ט. א. פ. ליטעראטור, אין דער צייט ווען דיא ליטעראטור פון דיא ס. ס. האט ער זעהר פיעל געבומט.

דיא האנדלונג איז געווען זעהר ניט קיין ריכטיגע, פערדיענט זעהר שארפע קריטיק. פיר וואס האט דער א. ק. ניט געשאפען א

פאָנד. פיר די י. ט. א. פ.? זיין גאַנצע פערבינדונג מיט דער י.ט.א.פ. האָט זיך נור אויסגעדריקט אין פאָרם פון א פאָר קאָרעספאָנדעצען, אויך אין דיא צירקולארען האָט דער א. ק. אימער געבוממט דיא ס. ס. זאָנסט איז דער בעריכט פאר איהם צופריעדענשטעלענד, דאָס אָבער וויל ער איהם ניט פארגעבען.

דעל. נאַדלער קריטיקירט דעם א. ק. פאר דעם וואָס ער האָט גאָר ניט געזאָרגט פאר דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דיא חברים, האָט ניט געשאַפען קיין ליטעראטור וועגען אַלגעמיינע סאָצ. און אַרבייטער פראַגען, וויא אויך וועגען אונזערע פארטיי פראַגען. דער א. ק. מיינט ער, האָט בעדאַרפט צוציהען ליטערארישע קרעפ־טען, צו שאַפען אַזאַ סאָרט ליטעראטור.

דעל. הורוויץ וואָלט וועלען פארענטפערן דעם א. ק. האָט אָבער קיין צייט ניט, ער מיינט אָבער, אַז דער לעצטער האָט פון דיא פער־איינען בעדאַרפט פאָדערן לאָקאלע בעריכטען און זיי פערעפענט־ליכען אין דיא פארטיי בולעטינס. דיא צירקולאַרען זיינען געווען אינהאַלטסלאָז. דער א. ק. האָט אַפילו קיינמאָל דיא חברים ניט רעקאָמענדירט וואָס פאר אַ ליטעראטור צו לעזען, האָט קיין מאָהל ניט בעמיהט זיך אַריינצוגעבען אַרטיקלען וועגען ס. ט. אין דיא אידישע צייטונגען, ער מיינט, מען האָט ניט געטאָרט וואַרטען ביז דער רעדאַקטאָר וועט שרייבען, נור מען האָט בעדאַרפט אַליין שרייבען. דער א. ק. האָט געגעבען ווייניג לעקטשורס אין ענגליש, ווייניג אַרטיקלען אין דיא אידיש־ענגלישע ליטעראַטור. אַריינצוקו־מען אין דיא ענגליש־אידישע פרעסע דאַרף זיין אונזער אויפגאַבע.

דעל. דייטש איז אונצופריעדען מיט דעם א. ק. כיט דעם וואָס דער לעצטער האָט ניט אויסגענוצט דיא מאַקסים אַפּעיר פיר אַגיטאַציאָן פיר אונזער פאַרטיי. יענער מאָמענט, מיינט ער, איז געווען אַ גינסטיגער פיר אונז, אַרויסצוטרעטען און אָנצו־ווייזען אויף דיא אנשטענדיגע און עהרליכע זייטען פון אונזער פארטיי.

דעל. שטיינבערג פערטהיידיגט דעם א. ק. אין דער פ־אַגע פון דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, קאָנסטאטירט דעם

פאקט, דאָס דער א. ק. האָט פּעררופען א מיטינג פון אלע פּ. א. ג. דעלעג. נאָך דער ערשטער זיצונג פון דער לעצטער, און רעזאָלוציאָנען זיינען אויסגעארבייט געוואָרען, וועלכע האָבען בעדארפט פּערעפּענטליכט ווערען אין דער פּרעסע פיר וואָס מיר ציהען זיך צוריק פון דער קאָנפערענץ, איז אָבער ברוגז וואָס דיא רעזאָלוציאָנען זיינען ניט פערעפענטליכט געוואָרען, ווען אנדערע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען עס יאָ געטהאָן.

דעל. אייבראהאמס איז שרעקליך אין כעס אויף דעם וואָס דער א. ק. האָט געשיקט א דעלעגאט נאָך רוסלאנד ניט אָנפרעגענדיג דיא פעראיינען, פערענטפערט אָבער אליין מיט דעם וואָס דער א. ק. האָט ניט געהאט געַנוג צייט אָנצופרעגען. דאָס איז ניט געווען א דעלעגאט, מיינט ער, נור טאַקע א שליח מיוחד, צופיעל אינטימיטעט, צופיעל ליעבשאפט מיט דיא ס. ס. אויף דעם חשבון פון דיא בלוטיגע געלד פון דער אָרגאַניזאציע. דאָס געלד האָט מען בעסער געקענט פערווענדען פיר „דאָס פאָלק“, וועלכעס וואָלט פיעלייכט דורכדעם געקענט געראטעוועט ווערען פון אונטערגאנג. פאַר וואָס האָט אָבער דער א. ק. ניט אָנגעפרעגט דיא פעראיינען וועגען דער „ווארנונג“? דאָ האָט ער דאָך יאָ צייט געהאט. דורך דיא ווארנונג, מיינט ער, האָט מען זיך אַרויסגעשטעלט פיר דיא אונטערשטיצער פון דער „ווארהייט“.

דעל. בעקער וויל שוין ניט קריטיקירען דעם א. ק., ווייל עס איז שוין גענוג געטהאָן געוואָרען פון זיינע פריהערדיגע רעדנער. קען זיך אָבער ניט צוריקהאַלטען פון בעמערקען, אז דער א. ק. האָט אין זיינע האנדלונגען קיין מאָהל ניט אָנגעפרעגט דעם ראטה פון דיא בעסטע חברים פון נויאָרק און דאָס האָט ער יאָ בעדארפט טהאָן. בכלל האָט זיך דער א. ק. געהאלטען צופיעל קאָנספיראטיוו, מען האָט קיינמאָהל גאָר ניט געקענט דערגעהן פון א. ק. אפילו דעם נויאָרקער צ. ק. האָט ער ניט פערטרויעט. דיא ערהאַלטענע טעלעגראמעם און בריעף האָט ער קיינמאָהל ניט פערעפענטליכט. דיא פּ. צ. טהוען עס יאָ.

דעל. צוקערמאַן וויל קריטיקירען 3 פּונקטען פון בעריכט.

1) „ווארהייט" — „פאָרווערטס" אפּעיר. פילאַדעלפיער אָרגאַן. האָט עס בעטראַכט וויא אַ „דיעל" און האָט אַריינגעשיקט אַ פּראָטעסט צו א. ק. געגען זיין האַנדלונג. מען האָט זיי אָבער געענטפערט אַז כמעט אַלע נויאָרקער חברים זיינען איינפערשטאַנדען דאַמיט.

2) וועגען סאָצ. קעמפּיין. דער א. ק., דענקט ער, האָט פיר קיין פאַל ניט געטאָרט אויפמערקזאם מאַכען אין זיינע צירקולאַרען אויף דעם סאָצ. קעמפּיין, זייענדיג אַ נייטראַלע קערפּערשאַפט.

3) דער א. ק. איז ניט געווען קיין קערפּערשאַפט. דער סעקר. איז ניט קאָנטראָלירט געוואָרען. (טשערמאָן פערלאַנגט קאָנקרעטעס, צוקערמאַן, בעמרקט ער האָט עס ניט, אָבער ער האָט עס געפיהלט.) דיא גאַנצע אַרבייט איז געטהאָן געוואָרען פון איין פערזאָן, אונטער דער דיקטאַנט פון דעם סעקרעטער. דיא אַרבייט איז געווען שאַבלאַנע, ניט נאָכגעטראַכט. צו וויכטיגע פראַגען האָט ער ניט גענומען קיין שטעלונג, האָט זיך נור גענומען צו אונוויכטיגע פראַגען. זיין אַרבייט פיר דיא שוירט מעקערס אין פילאַדעלפיא איז ניט געווען דורך זיין איניציאַטיווע, נור אויף דיא אויפפאָדערונג פון פילאַד. פעראיין, האָט שטענדיג זיך גענומען צו אַזעלכע אַרבייט, צו וועלכע ער האָט קיין רעכט געהאַט.

דעל. בראַכמאַן איז ניט צופריעדען מיט דעם וואָס דער א. ק. ווערט צופיעל פערנומען מיט ביזנעס, זיין שטיצע צו דיא פעראיינען דאַרף זיין ניט קיין מאַטעריעלע נור אַ גייסטיגע, וויא לעקטשורס, א. ז. וו. איז אונצופריעדען מיט דעם וואָס דער א. ק. האָט קיין שטעלונג ניט גענומען צו דער עמיגראַציאָנס פראַגע, ביי דעם עמיגריישאָן ביל.

דעל. ראַזומאַווסקי מיינט, אַז דער א. ק. איז קיין מאָהל ניט געווען דער אויסדרוק פון דער בעוועגונג. ער האָט זיך נור געשטעלט צור אויפגאַבע צו הרג'ענען דיא איניציאַטיווע פון דיא פעראיינען. אין שוירט מעקערס סטרייק האָט ער ניט מיט רעכט צוגענומען דיא קאָנטראָל פון דיא פילאַד. ס. ט. — שיקאַגאָ. האָט זיך געווענדעט

צום א. ק. נאָך הילפע. גייסטיגע וויא מאַטעריעלע. נון, גאָלדבערג'ס לעקטשורס דאָרט זיינען אפילו געווען ערפאָלגרייך, דאָס איז ניט געווען גענוג. מאַטעריעלע שטיצע האָט מען זיי גאָר ניט געגעבען. דער א. ק. האָט פון זיי נור פערלאַנגט געלד.

דיא קריטיק ווערט געשלאָסען.

דער א. ק. ציהט זיך צוריק צו בעראַטהונג וועגען ענטפער.

א. גאָלדבערג, אין נאָמען פון א. ק. ענטפערט: ער האָט ערוואַרטעט א שטאַרקערע קריטיק, ניט וויל מיר זיינען חלילה אזוי שולדיג, נור וויל די שטימונג פון די נויאָרק דעלעגאַטען איז געווען „לעשות נקמה בא. ק." וואָס אָבער הערען מיר? איינער שרייט צופיעל צענטראַליזאַציאָן, דער צווייטער צו ווייניג. אייגער שרייט ווייניג געאַרבייט פאַר דעם סאָצ. קעמפיין, דער צווייטער, צופיעל. אין דער „וואַרהייט" אפעיר, איז דער א. ק. לכל הדעות ניט געווען מחויב אָנצופרעגען דיא פעראיינען, מעג זיך דיא טהאַט זיין אונגערעכט, ער האָט אימער דאָס רעכט אין אַזעלכע פעלע זעלבסטשטענדיג צו האַנדלען. עס בלייבט אָבער פאַר אַלעמען פריי דיא פראַגע צו קריטיקירען. דיא „מאַקסים אפערע" האָט אָנגעריהרט ניט א לאָקאַלע אָרגאַניזאַציאָן, נור דיא גאַנצע, דער א. ק. אַלס פאָרשטעהער פון דער אָרגאַניזאַציאָן האָט דאַפיר דאָס געמעגט טהאָן זעלבסטשטענדיג. צו דער פערטהיידיגונג פון דער טהאַט גופא. מיינט ער, אז דער א. ק. האָט זיך קיינמאָהל ניט געשטעלט געגען „פאָרווערטס", נור פערקעהרט, דער „פאָרווערטס" געגען אונז, האָט אונז אימער געדריקט און בעקעמפפט. אויך איז דער א. ק. ניט ארויס פיר „דיא וואַרהייט", דיא צייטונג, נור פיר דער וואַרהייט. דאָ איז נור פערטהיידיגט געוואָרען דער פרינציפ פון פרייע פרעסע. אין דער אַנגעלעגענהייט איז דיא „וואַרהייט" געווים געווען אויף דער זייטע פון גערעכטיגקייט און פון פרייע פרעסע.

דער א. ק. האָט ניט בעדאַרפט מורא האָבען פאַר דעם חשד

פון א „דיעל“ כל זמן ער האט זיך געפיהלט עהרליך אין זיין האנדלונג. אזעלכע חשדים דארפען מיט פעראכטונג צוריקגעוויזען ווערען. וואלט דער באיקאט דורכגעגאנגען וואלט עס געווען א שטארקער קלאפ פאר דעם פרינציפ פון פרייע פרעסע, און מיר וואלטען אויך פערלארען דעם איינציגען פלאץ וואו צו לאזען הערען אונזער שטימע און צו שרייבען א פרייעןווארט.

מע זאגט מיר האבען ניט געמאהנט קיין פארטיי שטייער.

צוויי וואכען נאכדעם וויא „דאס פאלק“ האט געסטאפט, האט דער א. ק. יא געמאהנט. ער האט זיך קיינמאהל ניט געפוילט צו בעטען געלד פיר דער פארטיי. האפענטליך, אז וויא דער נעקסטער א. ק. זאל ניט ארבייטען, יעדענפאלס געלד בעטען וועט ער זיך ניט פוילען.

ווייטער. דער א. ק. איז, אלס גאנצעס, ניט געווען מחויב צו ארבייטען לאקאל אין נ. י. דיא קריטיק אלזא געהט ניט געגען דעם א. ק. אלס אזעלכען נור פיעלייכט געגען זיינע איינצעלנע מיטגליעדער. אויב ער דיינקט אז זיי אלס אזעלכע האבען ניט גענוג געארבייט.

דער א. ק. האט יא אפעלירט אין דיא צירקולארען פיר דיא יוניאנס.

ל. פייפמאכער האט יא ערפיללט אלע זיינע פליכטען. אויערבאך איז געווען קאאפטירט. זאלקינד האט זיך צוריקגעצויגען צוליעב פריוואט אנגעלעגענהייטען, און אויף זיין פלאץ האט מען ערוויילט אן אנדערן.

פיר דעם קעמפיין אין נויארק איז דער א. ק. ניט געווען מחויב צו ארבייטען פיר דעם קעמפיין. ל. פייפעמאכער און גאלדבערג אלס איינצעלנע חברים האבען עס יא געטהאן, העלפענדיג גרינדען אין נויארק א ס. ט., ס. פ. גרופע.

וועגען קעמפיין בכלל קענען מיר זאגען, אז ווען נור דיא פעראיינען האבען דעם א. ק. געפרעגט א ראטה, האט ער זיך שטענדיג געראטהען צוצושטעהן צו קעמפיין. אין נויארק האט דער א. ק.

פיעל מאָל געוואָלט טהון געוויסע ארבייט, איז ער אָבער שטענדיג געשטערט געוואָרען פון צ. ק. וועלכע האָט ניט געוואָלט איהם לאָזזען אריינדרינגען אין זיין רשות. וואָס אנבעלאנגט דער י. ט. א. פ. און ס. ס. האָט דער א. ק. ניט געקענט האנדלען פארטייאיש איז דער פראגע נאָך זיין קאָנסטרוקציאָן נאָך. אב. גאָלדבערג, א. פייפמאכער, ל. פייפמאכער, וועלכע האבען זיך מעהר ענטוויקעלט אין דער אמעריקאנער פארטיי, האָבען ניט געקענט זיין פארטייאיש, פון דיא איבריגע איז דז. גלאבוס א ס. ר. ט., וואָלף י.׳ט. א. פ. האָבען אויך ניט געקענט זיין פארטייאיש. י. גלאבוס, אויערבאך, פיעלייכט פארטייאיש האָבען אָבער ניט געקענט האָבען קיין צו שטארקע ווירקונג אויף דעם א. ק. אין דער פראגע און איבערענדערען דיא שטימונג אין גאנצען אויף דער זייט פון ס. ס. אין דער זעלבספערטהיידיגונגס פראגע האָט דער א. ק. ניט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון דער י. ט. א. פ., און האָט דאהער ניט געקענט שיקען זיי קיין געלד. אגב האָט זיא דאן נאָך ניט עקזיסטירט, דער צ. ק. פון דיא ס. ס. שיקט אריין א טעלעגראמע און פערלאנגט א דעלעגאט, מיר האָבען זיין פערלאנג ערפילט און דורך דעם זיינען מיר געוויס געוואָרען נעהנטער פערבונדען. אזוי שנעל אָבער וויא מיר האָבען ערפאהרען איבער דער עקסיסטענץ פון דער י. ט. א. פ., האָבען מיר געטהאָן וואָס מיר האָבען געקענט. פערנאכלעסיגונג זייטענס דער לעצטער און דיא פינקטליכקייט פון דיא ס. ס. אין דער קאָרעספאָנדענץ, האָבען פיעלעס מיטגעבראכט צו דער דערמאָנטער פערבינדונג, און דאן דיא גרויסע מאסע אריבערגעקורמענע חברים פון ס. ס. האָבען אין דעם פיעל מיטגעהאָלפען. מיר האָבען אין אונזערע פעראיינען פיעל ס. ס. און זעהר ווייניג חברים פון י. ט. א. פ.

עס איז ניט אמת, אז ער דער א. ק. האָט פערנאכלעסיגט דיא פערשפרייטונג פון י. ט. א. פ. ליטעראטור. דער א. ק. האָט ניט פארשפרייט קיין סאָצ. ליטעראטור, ווייל עס איז לײדער ניטאָ אַזעלכע אין אמעריקא. דיא פערהאנדענע ליטעראטור האָט ער

זיך בעמיהט צו פערשפרייטען וויא ווייט מעגליך. צו שאפען נייע ליטעראטור רעקאמענדירט טאקי דער א. ק. צו גרינדען א פערלאג.

מיר האבען ניט ארויסגעגעבען קיין ענגלישע ליטעראטור, ניט האבענדיג דיא קרעפטען פאר דעם. דיא רעזאלוציאנען וועגען דיא צוריקציהונג פון אונזערע דעלעגאטען פון דער קאנפערענץ פון דיא פ. א. ג. זיינען איבערגעגעבען געווארען דעם ניו־יארק צ. ק. צו פער־עפענטליכען.

דעלעגאט בעקער וויל וויסען אלע סודות, עס איז זעהר איין עהרליכער וואונש, דאך איז דיא קאנספיראציאן גלויבען מיר געווען נויטיג. דער א. ק. האט אויך קיין רעכט צו רופען חברים פיר בע־ראטהונג וויא גוט זיי זאלען ניט זיין. עס איז פאלש, אז דיא גאנ־צע ארבייט פון א. ק. איז געטאהן געווארען אונטער דיא דיקטאנט פון סעק. דיא פראטאקאלען פון זיטצונג פון א. ק. לייקענען אפ דעם פאקט. דעם שוירט מייקער סטרייק האבען מיר ערשט דאן איבערגענומען ווען עס איז געווארען א „נאַ־ציאנאלע אישו,“ און אזוי האט בעדארפט זיין. ווען אבער דיא פי־לאדעלפיער ס. ט. האבען זיך אונטערגעשריעבען אויף א פראקלא־מאציע צוזאמען מיט דיא פו"צ, אין וועלכער מאקסים ווערט בע־שולדיגט ווארום ער האט פארגעסען ציון. זיינען זיי בעגאנגען א'ן עולה געגען א. ק. זיי האבען געמעגט פריהער אנפרעגען. דיא פו"צ האבען אזוי געהאנדעלט. דארום קומט ארויס דער פו"צ טאן און פראקלאמאציע. צו דער עמיגראציאן האט דער א. ק. ניט געקענט נעהמען קיין שטעלונג, נישט וועללענדיג אריינגעהען אין א צו נאהענטע פערבינדונג מיט דער אלליאנס איזראעליט.

מיר האבען אלענפאללס געהאט א דעלעגאט אין דער פעד. אוו דז. ארגאניזיישאנס.

דיא אגיטאציאנס ביורא אין שיקאגא האט גרעסערע הילף מאַ־טעריעלע וויא גייסטיגע ניט געקענט ערווארטען, פיעלעס האט גע־קענט געטאהן ווערען פון א. ק. ווען ניט דער מאנגעל אין געלד.

חבר אב. גאלדבערג ענדיגט: בעשטימט דארף ווערען דיא

גרענעצען פון א. ק. זיינע רעכטע און זיינע פפליכטע, וואס ער דארף און מעג, און וואס ער טאר ניט טהאן, דאס וועט דארפען טהאן דיא יעצטיגע קאנווענשאן. אונטער דיא אומשטענדען האט מען פון א. ק. ניט געקענט מעהר ערווארטען.

א פארשלאג איבערצוגעבען דיא רעזאלוציאנס קאמ. אויסצו־ארבייטען א רעזאלוציאן וועגען דעם בעריכט פון א. ק. דער פאר־שלאג אנגענומען. א פארשלאג פעראיינ׳ס בעריכט אפצולייגען ביז נאך דיא טעארעטישע פערהאנדלונגען. דער פארשלאג דורכגעגאנ־גען.

טשערמאן פיר נעקסטער זיטצונג אב. גאלדבערג,

וויים־טשערמאן, א. פייפמאכער.

(זיטצונג געשלאסען.)

---

## צווייטע ארדענטליכע זיצונג :

דאנערסטאג 8 אוהר אבענדס,

טשערמאן אב. גאלדבערג דריקט אוים אונזער שמערץ פאר אונזערע געפאלענע העלדען פיר דער רוסישער רעוואלוציאן און פיר דער פערטהיידיגונג פון דעם אידישען פאלק, ער מאכט אויפ־מערקזאם דיא פערזאמעלטע אויף דער שווארצער פאהן, וועלכע הענגט נעבען אונזער פארטיי־פאהן.

צו אנדענקונג פון יענע מארטירער הויבען זיך אלע אויף פון זייערע פלעטצער.

וויים־טשערמאן א. פייפמאכער, דערמאהנט אונזערע אמעריקאנער העלדען וועלכע זיינען מיט אונרעכט ארעסטירט פיר א גרונדלאזע פערלוימדונג, דיא מארטירער מאיער און הייוואוד. דיא פערזאמלונג אפלאדירט.

אב. גאָלדבערג שלאָגט פאָר צו שיקען א טעלעגראַם צו דיא מארטירער, איינשטימיג אָנגענומען.

דאָס איז איבערגעגעבען צור רעזאָל. קאָמ.

טעלעגראַמען ערהאלטען:

חבר ווערנאן — ניו יאָרק. קליוולאנדער אָרגאנ. ס. ט.

דעל. אווערבוך פיר דעם א. ק. לעזט פאָר דיא טהעזיסען איבער סאָציאליזמוס מיט א קורצער ערקלעהרונג.

עס מעלדען זיך צום וואָרט 20 דעלעגאטען.

א פאָרשלאַג צו וועהלען גענעראל רעדנער, פאָרשלאַג אָנגענוממען.

עס ווייזט זיך ארויס, אז עס זיינען פערטרעטען 3 ריכטונגען אין סאָציאליזמוס: ס. ד. (מארקסיסט) ס. ר. ט., ס. ט.

בעשלאָסען 6 גענעראל רעדנער:

פיר ס. ד. גענעראל רעדנער ווערן ערוויילט: גאָלדבערג און בראכמאַן *)

פיר דיא ס. ט. ריכטונג ערוועהלט, שניאור, צוקערמאַן.

פיר דיא ס. ר. ריכטונג ערוועהלט, דז. גלאָבוס, ראזומאווסקי.

רעדע צייט — 15 מינוטען.

ראזומאווסקי: איז געגען דיא רעזאָלוציאָנען וואָס גרינדען זיך אויף קאָנצעטראציאָן פון קאפּיטאל, ער לייקענט אָפּ דעם פאַקט, אז דער קאפּיטאל האָט זיך קאָנצעטרירט, ער מיינט דאָס פּראָפּארציאָנעל איז דיא קליין־בורזשואזי ניט אונטערגעגאנגען. זיא איז אויך ניט פאראורטהיילט צום אונטערגאנג. ער שטעהט אויך פיר דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאמפּף, אָבער אין דער ס. ר. ריכטונג ניט אין דעם זינן וויא דיא ס. ד. פארשטעהען איהם, ער

---

*) בעמערקונג: אונטער די ס. ד. ריכטונג זיינען געווען אזעלכע, וועלכע זיינען נור געשטאַנען פיר דיא פאָרגעלעגטע רעזאָלוציאָנען; גאָלדבערג האָט זיך גענומען דיא אויפגאַבע צו פארטהיידינען דיא רעזאָלוציאָנען און ניט דוקא דעם מארקסיזמוס.

קריטיקרט דעם רעפערענט און דעם א. ק. פיר דעם, וואָס זיי האָבען זיך ניט באַמיהט אנצו־ווייזען אין דיא רעװאָלוציאָנען דיא ספּעציפיש־אידישע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע סטרוקטור מיר דאַרפען אָבער ארבייטען פיר דעם נאציאָנאַליסטישען סאָציאַליזמוס.

א פאָרשלאַג ווערט אריינגעבראכט, אז דער ס. ד. גענעראַל־רעדנער זאָל זיין דער לעצטער צוליעב זייער קליינע צאָהל גענעראַל־רעדנער. עס שטימען דאַפיר און דאַגעגען, גלייכע צאָהל דעלעג.

טש. אַב. גאָלדבערג ענטשיידעט צו גונסטען דיא ס. ד. עס ענטשטעהט איין טומעל.

דיא ס. ט. דעבאַטאַנטען ענטזאַגען זיך פון דאָס וואָרט.

וויס־טשערמאַן שלאָגט פאָר א צווייטע אָבשטימונג, שטימען דאַפיר און דאַגעגען גלייך. טש. אַב. גאָלדבערג ענטשיידעט צו גונסטען דיא ס. ד.

דיא ס. ט. ענטזאַגען זיך וויעדער פון זייער וואָרט.

דעל. בראַכמאַן קריעגט דאָס וואָרט:

ער איז ניט איינשטימיג מיט דיא רעזאָלוציאָנען, וויל זיי זיינען ניט גענוג מארקסיסטיש, וויל זיי לאָזען א פרייע טהיר פאַר יעדען, ער איז דארום מיט זיין גאנצער קראַפט דאַגעגען.

וואָלט ער געוועזען א ס. ט. וואָלט ער זיך דער ערשטער אונטערגעשריעבען אויף זיי; אלס מארקסיסט קען ער דאָס ניט. דיא רעזאָלוציאָנען שטעלען מיט זיך פאָר נור איין זייט פון דעם סאָצ. זיי זיינען א קאָמפּראָמיס פאר ס. ט. און ס. ס. מארקסיסטישע רעזאָלוציאָנען וואָלטען גערעדט וועגען דעם וויא אזוי דער אידישער פּראָלעטאריאַט, אום צו קענען קעמפּפען פאר דעם סאָציאַליזמוס מוז האָבען א טעריטאָריום. וואָלט געוועזען פיר אזא רעזאָלוציאָן וואו עס גיסט זיך צוזאמען דער סאָציאַליזמוס מיט דעם טעריטאָריאַליזמוס אין איין גאנצעס. דיא פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציאָנען אָבער טהיילען אָב אונזער באוועגונג פון דעם סאָציאַליזמוס." זיי זיינען סאָצ. טעריטאָריאַליסטישע בעפאַרבט מיט אביסעל מאַרקסיסמוז. מיר דאַרפען צושטעהען צום סאָציאַליזמוס פון שטאַנדפּונקט פון אונזער בעוועגונג; מיר האָבען זיך גענדאַרפט

ער ווארנט דאַן דיא ס. ט. זיך ניט צו לאָזען איינרעדען אַז דיא רעזאָלוציאָנען זיינען דער ריכטיגער מאָדוס פיר פעראייניגונג.

(אפלאָדיסמענטען.)

דזשיימס גלאבום מיינט:

אויפ'ן ערשטען קוק זעהען אויס דיא רעזאָלוציאָנען צו זיין לאָגיש, זיינען אָבער פאלש אין גרונד. עס איז א פאקט, אז גראד אין דיא לענדער, וואו דער קאפיטאליזם איז ענטוויקעלט, האָבען מיר א שוואכע סאָציאליסטישע בעוועגונג. דאָרט איז אויך דיא בעפעלקערונג אין אלגעמיין זעהר קאָנסערוואטיוו. פארקעהרט אין דיא לענדער וואו דער קאפיטאליזמוס איז צוריקגעשטאנען, איז די בעפעלקערונג סאָציאליסטיש און רעוואָלוציאָנער.

אמעריקא, וואו דיא קאפיט. ענטוויקלונג האָט ערדייכט איהר העכסטע שטופע, זעהען מיר אז דיא ארבייטער-קלאסען פארשטייט קיים איהרע ווייזשעס אנגעלעגענהייטען און טעגליכע אינטערעסען אָבער ניט איהרע קלאסען אינטערעסען. אין אמעריקא האָבען מיר נאָך א גענוג שטארקע מיטעל-קלאססע.

ענגלאנד, דאָס איינציגע לאנד, וואו דיא ארבייטער-קלאסע בילדעט א מאיאָריטעט אין פערגלייך מיט אלע איבעריגע קלאסען צוזאמען גענומען, דאָס ענטוויקעלטעסטע לאנד, איין קולטורעלע לאנד, א ציוויליזירטעס לאנד, גראד דאָרט געפינען מיר דיא קאָנסערוואטיווסטע ארבייטער-קלאססע אין דער וועלט.

דער פאקט אליין וויעדערשפרעכט דיא היפאָטעזע פון דעם מארקסיזמוס. מארקסיזם בכלל לאָזט זיך ניט באווייזען מיט עקספערימענטען און איז אָפט פאלש.

א ן דייטשלאנד האָט זיך דער קאפיטאליזמוס אָנגעהויבען צו ענטוויקלען שטארק פאר דיא לעצטע צעהן יאָהר און דיא סאָציאליסטישע בעוועגונג גייט דאָרט צוריק, דיא טעאָריע פון מארקסיזמוס מאכט ניט דיא ארבייטערקלאסע רעוואָלוציאָנער, נור פערקערט קאָנסערוואטיוו, בילדעט איהר ניט אויס, נור פערגרעבט זיא,

ארויסרייסען פון דעם זומפּף אין וועלכעם מיר האָבען זיך געפונען ביז יעצט; דאָס איז דיא פרייע פּלאטפאָרם. דאָך אום צו קענען געהן צוזאמען מיט דיא ס. ט. געפינט ער קיין בעסערען מאדום וויא דיא פאָרגעלעגטע רעזאָל. און שטימט דאפיר פיר זיי.

דעל. שניאור, וועלכער האָט זיך פריהער, אלס פראָטעסט ענטזאגט פון וואָרט, נעהמט דאָך דאָס וואָרט, ווייל ער זעהט איין אז מען פארשטעהט שלעכט זייער יעצטיגע טאַקטיק. ער איז גראדע ניט אין דער מיינונג, אז דיא רעזאָלוציאָנען זיינען אָבגעזונדערט פון אונזער טעריטאָר. אנשייאונג. דער 9טער פונקט פון זיי, וועלכער דערצעהלט אונז, איבער א בעזונדערער נאציאָנאַלער סביבה, וואָס דארף זיין גינסטיג פיר דעם סאָציאל. קאמפּף. איז געוויס א רינגעלע צו וויטערדיגע רעזאָלוצ. דאָס איז אין גייסט פון ס. ס. דאָס וועט אונז ניט פעראייניגען. בלויז א פרייע פּלאטפאָרם קען זיין א מאדוס פיר פעראייניגונג. אַלס ס. ט. גלויבען זיי אין דעם נאַציאָנאַליזמוס, אלס פאקטאר פיר דעם טעריטאָריאליזמוס, דיא רעזאָלוציאָנען אָבער רעדען נור פון דער היסטאָריש מאַטעריאליסטישער אַנשויאונג. די געשיכטען איז ניט אויסגעמאכט געוואָרן בלויז דורך קלאססען קעמפּפע, עס זיינען אויך געווען נאציאָנאַלע קעמפּפע. בכלל זיינען מיר נאָך ניט גענוג פאָרבערייט צו נעהמען אירגענד וועלכע שטעלונג צו א געוויסער שוהלע אין׳ם סאָציאַליזמוס.

א פארטיי ווערט ניט פאראייניגט אָדער געבילדעט אויף דעם באדען פון „וויסענשאַפטליכע טהעאָריען, נור דורך געוויסע טענדענצען פון לעבען.

אונזער פערשיעדענהייט צו דער אקאדעמישער זייט פון סאָציאַליזמוס איז ניט גענוג, עס זאָל אונז פיהרען צו אַ שפּאַלטונג.

וואָלט מען געשטימט דיא רעזאָלוציאָנען איינציג־וויז, וואָלט ער איניגע פארטהיידיגט. דער פונקט אָבער, אז דיא געשיכטע איז א געשיכטע פון קלאסען קעמפּפע מוז אונז פיהרען צו א שפּאַלטונג.

צוטהיילט די ארבייטערקלאַסע אויף שטיקער, אין פּראָלעטאַריער און לומפּען פּראָלעטאַריער, דיא לעצטע געמאַכט פאר א קלאַסס פון „נעוועזשעדעס“ און לכוף זאָגט מען, אז נור דער פּראָלעטאַריאַט פיהרט צום סאָציאַליזמוס. וואָס מען כאָטש געמיינט דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט האַלטען מיר געזען אייגענע מאַנדען. צור ברעקלענדיג אָבער דעם פּראָלעטאַריאַט אויף שטיקער פיהרט אונז —נאָך מאַרקס — צים סאָציאַליזמוס נור דער פּראָלעטאַריאַט אין דער גרויסער אינדוסטריע אין שליעסט אויס דעם פּראָלעטאַריאַט פון דיאצוריק געשטאַנענע טריידס, וועלכע איז נאָך מארקס א נעגאַטיווער פּראָלעטאַריאַט, און קען קיין גרויסע ראָללע ניט שפּיעלען אין דער געשיכטע.

ער איז דאפיר געגען דיא רעוואָלוציאָנען. ער שלאָגט פאָר דיא טאַקטיק פון דיא ס. ר., אז דיא גאַנצע ארבייטער מאַסע פיהרט צום סאָציאַליזמוס.

דיא מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט אונז אין אמעריקא געפיהרט צו פאָלקאָמענער פּאַסיוויטעט אין קאַמפּף געגען דיא טראַסטס און דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט דורך דעם זעהר פיעל פערלאָרען. מיר מוזען קעמפּפען געגען קאַפּיטאַליזמוס און ניט וואַרטען אויפ'ן סאָציאַליזם גאַנצע טויזענד יאָהר, ביז דער קאָנצענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל. דער מאַססע מוז מען פריידיגען חעם אידעאַליזמוס און ניט דיא קישקע-מאַטעריאַליזם.

דיא אַלטע וועגען פון דיא ס. ד. זיינען באַנקראָט. 3 מיליאָן סאָציאַליסטישע שטימען אין דייטשלאַנד האָבען אונז גאָר ניט געבראַכט. הינטער זיי שטעהען קיין מענשען און קיין רעוואָלוציאָנערען.

טשערמאַן רופט ארויס נאָך א ס' ט. צום וואָרט. עס מעלדעט זיך דער ענטזאַגטער צוקערמאַן.

דעל. צוקערמאַן דענקט, אז דאָס גאַנצער ריידען איז אומזיסט. וויסענדיג דיא מיינונגען פון א. ק. און פון דיא דעלעגאַטען. דאָס בעווייזען דיא פאַרגעלייגטע רע־

זאָלוציאָנען, ווערען זיי אָנגענומען, דאן צוטהיילט זיך דיא פּאַרטיי. ער איז אויך ניט איינשטימיג מיט דער היסטאָרישע מאַטריאַל־וועלט איינשויאונג. אונזער אָרג. האָט פאָרגעשטעלט אַ געדאנקען שטרעמונג, וועלכע האָט געקעמפּט געגען אַ 25־יעהריגע איינגעוואָרצעלטע תורה. צוליעב דיא געדאנקען שטרעמונג האָבען מיר געשפּיעלט אַ ראָלע. זיא האָט רעוואָלוציאָניזירט דיא אידישע יוגענד אין אמעריקאַ. ווילען מיר ווירקען אין לעבען, דאן מוזען מיר דיא געדאנקען־שטרעמונג פאָרטזעצען ביז מיר וועלען גוט אונטערזוכען און דערגעהען דעם אידישען אמעריקאנעם ארבייטער־לעבען, און דאן וועלען מיר קענען אננעהמען איין איינהייט פּלאַטפאָרם. דיא רעזאָל. אָבער טויטען אונזער פּאַרטיי. פאַרוואָס האָט מען עפּעס ארייננעמישט דיא אידישע ארבייטער־פראַגע? דאָס ווייזט אז דער א. ק. וויל דאדורך קומען צום טעריט. און דאָס הייסט אַ שפּאַלטונג. אונזער ראָלע איז ניט אנצונעהמען אַ דאָגמא נאָר זיך צו רעכענען מיט'ן צוקונפט פון אונזער פּאַרטיי. אָט דיא איינהייט פראַגע דאָס איז אייגענטליך טראַנספּאָרטירט פון אנדערע לענדער, אָבער ניט צוגעפּאַסט צו דעם אידישען אמער. ארבייטער־לעבען. ער וועט זיין דער ערשטער זיך צוריק צוציהען פון קאָנווענשאָן.

אב. גאָלדבערג: ער פאַרטרעט ניט דיא ס. ד. נור דיא רעזאָל. דעריבער וויל ער זיך ניט ארייגלאָזען אין ארגומענטען מיט ראַזעמאַווסקי'ן. און אויך ניט מיט דזש. גלאַבוס וועלכע האָבען געהאַלטען גאַנץ שיינע געלונגענע רעדען געגען מאַרקסיסמוס, אָבער ניט געגען דיא רעזאָלוציאָנען.

דעם מאַרקסיסמוס צו פאַרטהיידיגען דאָס איז ניט זיין היינטיגע אויפגאבע, דען אויב די געגנער בענוטצען בערנשטיין'ס ארגומענטען געגען מאַרקסיזם, וואָלט ער געקאָנט בענוצען קאַוטסקי'ס ענטפער. נור מוחל.

ער וויל דאהער ענטפערן נור שניאור'ן און צוקערמאַנען, ווייל זיי זיינען ניט געקומען בעקעמפּפען דעם מאַרקסיסמוס, נור פאַר־

טהיידיגען דיא אינטערעסען פון אונזער פארטיי. דיא מייסטע רעזאָלוציאָנען און דער גייסט פון זיי איז אזעלכער אז אפילו איין אויסגעשפּראָכענער ס. ר. קען אויף זיי איינגעהען. מיר מוזען צוציהען דעם ניי־אריבערגעקומענעם ס. ס. עלעמענט, דעריבער מוזען דיא רעזאָלוציאָנען ניט זיין לכל־הפחות געגען מארקסיזם.

לאָמיר פערנאנדערגלידערן דיא רעזאָלוציאָנען.

אין דער איינלייטונג האָבען מיר ניט געברויכט דאָס וואָרט „אלוועלטליכען“ נאָר „אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליזמוס.“

פונקט 1) וועלכער רעדט איבער דער צוטהיילונג פון דער געזעלשאפט אין קלאסען, — וועלכער ס. ר. לייקענט דאָס אָפּ ? דיא רעזאָל. צוברעקעלט גאָר ניט דעם פּראָלעטאריאט אויף שטיקער. מיר האָבען אויך בפירוש געזאָגט : דיא יעצטיגע געזעלשאפט איז צוטהיילט הויפּטזעכליך אויף צוויי קלאסען.

„הויפּטזעכליך.“ ניט געבענדיג זיי, דיא צוויי קלאסען דיא גאנצע ראָלע. ווייטער, וועלכער ס. ר. איז געגען דעם, אַז דיא קאפּיטאַליסטען האָבען פערכאפּט דיא פּראָדוקציאָן׳ס מיטלען ?

דער 2טער פונקט זאָגט אונז אז דיא קאפּיטאַליסטען זיינען דיא בעזיצער פון פּראָדוקציאָן׳ס מיטלען און דיא ארבייטער זיינען פון זיי אפּהייניגיג, ווער קען זיין געגען דעם ?

פונקט 3) דערצעהלט אונז פון קאָנצענטראציאָן פון קאפּיטאל, האָט דאָך אפילו בערנשטיין צוגעגעבען אז דער קאפּיטאל קאָנצעטרירט זיך.

דיא אַנארכיסטען און ס. ר. קענען זיין אונצופריעדען דאָרט, וואו דיא רעזאָלוציאָן זאָגט, אז צוליעב דער קאָנצענטראציאָן פערליערט דיא מיטעל־קלאסע איהר פּאָזיציאָן. דיא טהייל קען געענדערט ווערען און מע קען לייכט אויסגעפינען א צופריעדענשטעלענדען מאָדוס. און ווען מען זאָל צום פונקט 4 נאָך צושטעלען דעם אידיאלאגישען פאקטאר אַלס טרייב־פעדער צום סאָציאַליזם וועלען אַלע זיין צופריעדען.

פונקט 5 און 6 קענען בלייבען וויא זיי שטעהען. און פונקט 7. האבען מיר טאקע געמאכט דעם פאליטישען קאמפף פאר נויטווענ־דיג. מיר האבען אבער ניט בעטאנט זיין פארם.

פון פונקט 8 איז אונמעגליך ארויסצופיהרען דעם טערריטאר־ריאליזם. פיר טערריטאריאליזם האבען מיר טער. רעזאל. מיר האבען זיך נור דארט בעפעסטיגט געגען דיא אטטאקען פון אונזערע געג־נער וואס מיינען, אז מיר אלס סאצ. דארפען אריינגעהן אין א סאציאל. פארטיי און אלס טער. אין דיא יט"א. אבער ניט בילדען איין בעזאנדערע ס. ט. פארטיי. מיר זאגען אבער, אז מיר מוזען געהן אלס א בעזונדערע נאציאנאלע גרופע אין קאמפף פאר'ן סאָ־ציאליזמוס.

דער א. ק. האט מיט דיא רעזאל. ניט געוואלט ארויפצווינגען אויף דער פארטיי א מארקס. פלאטפארם. ער האט זיי געבראכט אלס מאדום צום פעראייניגונג. פיליכט ניט א זעהר געלונגענעם. ער האט אללענפאללס ניט געהאט דיא אבזיכט אויסצושליסען א טהייל פון דער פארטיי.

א. פייפמאכער שלאגט פאר דיא אפשטימונג אויף מאר־גען פריה.

ראזומאווסקי שלאגט פאר צוערשט צו פערהאנדלען וועגען טער. רעזאל. און דאן ווידער דעבאטירען דיא סאציאליסטישע.

עס מעלדען זיך צום ווארט 10 דעלעגאטען. רעדע צייט 2 מי־נוט.

ל. פייפמאכער מיינט, אז מען זאל שטימען דיא רעזאל. באלד אין דער פריה ניט ווארטענדיג אויף דיא טעריטאריאליסטישע

קרעמער שלאגט פאר זאפארט צו שטימען.

גראף מיינט אז גאלדבערג האט זיך צופיעל גע'חנף'עט צו דיא ס. ר. מיט דעם אבזיכט זיי אריינצוקריגען אין דער פארטיי. עס ענטשטעהט א טומעל.

ראזומאווסקי פרעגט אויב דיא ס. ס. ווילען ניט געהן אויף קיין מאדום צו וואס זיינען זיי געקומען?

אייבראמס מיינט, אז מען זאָל געבען דיא דעלעגאטען געגוג צייט צו בעטראכטען.

יהודה גלאָבום איז דאפיר אָפצולייגען אויף מאָרגען, אָבער נית ביז נאָך דיא טערריט. רעזאָל. דען גרעסערע הנחות מיינט ער קענען דיא ס. ט. ביי'ן טעררימאריאליזם נים עָרוואַרטען. ער שלאָגט פאָר צו ערוועהלען א רעזאָל. קאָמ. פון אלע שטרעמונגען.

בראכמאן שלאָגט פאָר צו בענוצען דיא צייט וואָס דיא אויסארבייטונג פון דיא רעזאָלוציאָנען וועט פערנעהמען ביי דער רעזאָל. קאָמ. פיר פעראיינס בעריכטען.

בעשלאָסען מאָרגען פריה צו פערהאַנדלען פעראיינס בעריכטען דאן ארויפנעהמען דיא רעזאָל.

פערמאנענץ אויסשוס שלאָגט פאָר פאָלג. רעז. קאָמ.

אב גאָלדבערג, שניאור, אווערבאך, צוקערמאן, דז. גלאָבוס.

עס ווערען ערוועהלט אלס טשערמאן פיר נעקסטע זיטצונג א. פייפמאַכער. ווייס-טשערמאן י. גלאבוס.

בעגריסונג טעלעגראמען אָנגעקומען פון מיליקאָווסקי, קליוו־לאנד גרופפע ס. ט. קליוולאנד, ס. ט. ברידזשפאָרט. חבר וויינער, גרינוויל מיסיסיפי.

זיצונג געשלאָסען 1.30 נאכמס.

---

זיטצונג פרייטאג 10 אוהר פריה.

## טשערלייטע: ראזומאווסקי און בראכמאן.

עס ווערען אָבגעגעבען פעראיינס בעריכטען.

דעל. פעלדבערג פון ווילנער ראיאן ס. ט. נויאָרק בעריכטעט: דער ברענטש איז פריהער געווען צוזאמען מיט דיא פ. צ. דאן איז ער ארוים אָפאָזיציאָנעל צו דיא לעצטע, און האָט זיך אָרגאַניזירט אלס ס. ט. בר. ביי דער גרינדונג האָבען זיי געצעהלט 8 מיטגליעדער, יעצט צעהלען זיי 50 חברים. 11 לייטע האָבען זיך אָנגעמעלדעט

אַלם חברים ביי דיא וואהלען פון אַ דעלעגאט. — דיא אויסגאַבען פיר דעם יאָהר זיינען געווען 125$. איינקינפטע 105$. דעפּיציט 20$. זיינע 2 אונטערנעהמונגען האָבען געהאט ערפאָלג. געוויינליכע מיטינגען בעזוכט פון 20—30 חברים. דיא גאַנצע צאָהל פון חברים בעשטעהט פון רוסלאַנד אַריבערגעקומענע, אויסער 5 — 6 אין אַמעריקאַ צוגעשטאַנענע. ווינטער זיינען דיא מיטינגען אָבגעהאַל־טען געוואָרען וועכענטליך. זומער, יעדע צוויי וואָכען. אַ גרויסע אונ־טערנעהמונג איז יעצט פעראַנשטאַלטעט געוואָרען צו גונסטען פון „דאָס פאָלק". האט אונטערשטיצט איינינע יוניאָנס אין סטרייק.

י. גלאָבוס, האַמליער און מאָליוועער ס. ט. נ. י. בעריכטעט: פעראיין געגרינדעט דעצ. 30, 1905, מיט אַ צאָהל פון 14 חברים. דיא יעצטיגע צאָהל פון חברים איז איבער 100. פערשיעדענע לאַנדס גרופּען אָרגאַניזירט אינערהאַלב פון פעראיין מיט דעם צוועק צו שטיצען דיא פעראיינען פון זייערע רעספּעקטיווע שטעדט, פער־זאַמלונגען אַלע צוויי וואָכען. זיי זיינען מעהרסטענס געווען טעהאָ־רעטישע. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ פעראַנשטאַל־טעט איין אויטינג. אַ אונטערנעהמונג פעראַנשטאַלטעט צו גונסטען פון „דאָס פאָלק". דער פעראיין פיהלט אַ מאַנגעל אין אינטעליגענץ און ליטעראַטור.

נח מאשקאָווסקי, וואַרשעווער ראַיאָן ס. ט. נ. י.

דער פעראיין האָט זיך געגרינדעט 6טען יולי 1906 מיט אַ מיטגליעדער צאָהל פון 18. יעצט 45 גוטשטעהענדע מיטגליעדער. ביזנעס מיטינגען אָבגעהאַלטען 4, עקז. מיטינגען 13, אויטינגס 2, לעקטשורס 4. געשיקט אַקאָרעספּאָנדענץ אין נייען וועג ווי אויך אַ בעריכט צום וואַרשעוור קאָמיטע. 2 אויפרופען אין די „ווארהייט" אַן דיא חברים. — אונטערגענומען דורכצופיהרען אַ טהעאַטער בענעפיט פיר „דאָס פאָלק". אַ לעקטשור ביי דר. ה. זאַלאַטאַראָף, אַ סעריע לעקטשורס ביי מ. קאַטץ. דעם אַ. ק. געשטיצט מיט 11$. „דאָס פאָלק" מיט 5$. צ. ק. נ. י. 20$. אויסגאַבען 94.84, איינ־נאַהמען 103.05. אין קאַסע 8.21$.

**דעל. נאַדלער** שיקאַגאָ, ס. ט. — אין דער ערשטער צייט האָט זיך זייער פעראיין ניט פיעל געלאָזט פיהלען אין לעבען פון שטאָדט. אין דער זעלבסטפערטהיידיגונג האָט דער פעראיין געאַר־בייט צוזאַמען מיט דיא סאָצ. פּאַרטייען. זיי האָבען יענע צייט אויך אויסגענוצט פיר אַגיט. פאַר ס. ט. יעצט צעהלען זיי 45 חברים. אויסער דיזען ברענטש עקזיסטירט נאָך איינער פון 25 חברים. אין נ. וו. סייד פון שיקאַגאָ. דער פעראיין האלט כמעט אַלע וואָך אָב אָפּען עיר מיטינגען. פאַרן קעמפּיין האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט דיא ס. פּ. עס פעהלט ליטעראַטור וויא אויך אַ בעשטימטע פּראָגראַם. בעזוכט געוואָרען צוויי מאָהל פון אב. גאָלדבערג. פיעלע חברים זיינען געקומען פון דיא געגנערישע לאַגערן. פיעלע אין אַמעריקא צוגעשטאַנענע.

**דעל. דייטש,** קליוולענד, ס. ט. — דיא ערשטע פון דיא ס. ט. אָרגאַניזאַציאָנען אין אַמעריקאַ. נאָך׳ן לעצטען ציונ. קאָנגרעס האָ־בען זיך 3 חברים אָרגאַניזירט. דיא צאָהל איז פערגרעסערט גע־וואָרען און געוואַקסען פון וואָך צו וואָך. זהר טהעטיג געארבייט פיר דער זעלבסט פערטהיידיגונג. זעלבסטשטענדיג געשאַפען $100. מיט דער הילפע פון ציונ. פּ. צ. און בונד. $680, עס האָט זיך אויך געבילדעט אַ צווייטער בר. וועלכער איז פערבונדען מיט דעם 1טען אין אַ צ. ק. אָבגעהאַלטען 70 פערזאַמלונגען. דיסקוסיאָנס אָבענדען צוויי, 20 אַגיט. און לעקטשורס, 6 מאַססמיטינגען, 5 אונ־טערנעהמונגען. פּיקניק אייננאַהמע $120. צוויי דיסקוסיאָנס אָבענ־דען מיטן בונד. איינקינפטע פיר דעם יאָהר $500. אויסגאַבען $480. קאַסע $20. שוירט מעקערס געשטיצט מיט $70, „דאָס פאָלק“ $150, 3600 קאָפּ. „דאָס פאָלק“ פערקויפט. ס. ס. ליטעראַטור פער־קויפט פאַר $35. בר. צעהלט יעצט 75 מעמבערס ביידע צוזאַמען, בעזוך־צאָהל 150 פערזאָן, מאַססענפערזאַמלונגען 500 פערזאָן. קאָנ־צערט און באָלל פיר „דאָס פאָלק“ אין אונטערנעהמען.

**ט. קרעמער,** סלוצקער בר. ס. ט. נ. י. — עקזיסטירט איבער אַ יאָהר, איז אין אָנהויב בעשטאַנען פון פּ. צ. און ס. ס. 45 חברים

זעהר טהעטיג אין ס. דעפענס. אונטערנעהמונג פאַר לעצטען צוועק $300 איינגאַהמען. דאָס געלד ליגט אָבער אין דיא הענד פון עט־ליכע בה"ב וועלכע ענטזאַגען זיך עס אַרויסצוגעבען. קאָנצערט און באָלל אין אונטערנעהמען. דיא שטימונג פון דיא חברים א ס. ס.

דאַבקין, וואַטערבורי, קאָנ. — געגרינדעט געוואָרען דורך י. גלאבוס מיט 7 מאָנאַטען צוריק מיט א צאָהל פון 10 חברים. יעצט ביז 20 חברים. צווישען זיי אין אמעריקא צוגעשטאַנענע. בעזוכט געוואָרען פון אב. גאָלדבערג. מאַסענפערזאַמלונג און לעקטשורס. זייער שטענדיגער מיטינג לאָקאַל איז געווען דער סאָצ. האָלל. אויף דיא איניציאַטיווע פון „בונד" זיינען זיי אויסגעוויזען געוואָרען פון'ם האָל צוליעב זייער טער. שוירט מעקערס פון זיי אונטער־שטיצט געוואָרען. דער בונד און דיא ס. פּ. האָבען זיך ענטזאַגט פון הילפע, ערקלעהרענדיג אַז דיא צייט איז זיי צו טהייער, מוזען ארבייטען פאַרן בונד, פיר אייגענע געלד קלייבען.

דעל. גראַף, סלאָנים, ס. ט., נ. י. — דער פעראיין איז גע־גרינדעט געוואָרען מיט 4 מאָנאַטען צוריק מיט א צאָהל פון 17 חברים. יעצט צעהלט דער פעראיין ביז 40 חברים. געגרינדעט איז ער געוואָרען צוליעב דעם צוועק צו שטיצען דיא רוסישע ס. ס. איין אונטערנעהמונג פעראַנשטאַלטעט פאַר דער צייט.

דעל. אַלבערט, באָסטאָן ס. ט. — געגרינדעט מיט 12 מאָנאַט צוריק נאָך דער אבטהיילונג פון דיא פּ. צ. ביים גרינדונג 11 חברים, יעצט 70. 40 גוטשטעהענדע. דיא ארבייט האָט געפונען אנפאַנגס שוועריגקייטען. איצט געהט עס פיעל לייכטער, די ראַד. סאָצ. פּ. צ. געהען אַריבער צו דיא ס. ט. שטאַרקע ענערגישע ארבייט אין דער אומגעבונג פון באָסטאָן. אין טשעלסי גערינדעט א פעראיין פון 20 חברים. אין לינן א גרופּע פון 6 חברים. גרויסע פּראָטעסט פערזאַמ־לונגען. פיר „דאָס פאָלק" $70. שטימונג ס. ס.

איינגאַהמען $350' שוירט מעקערס אונטערשטיצט מיט $190. אונטערשטיצט א סטרייק פון דיא טשעלסיער רעג פיקערס. אָבגע־האַלטען אָפען עיר מיטינג צוליעב דעם לעצטען סטרייק, געווען אויך

פינאנציעל ערפאָלגרייך. פיר דיא שוירט מעקערס הויז צו הויז קאָ־לעקשאָן. פיר דאָס פאָלק 70 דאָלאַר. שטימונג ס. ס.

דעל. בינעגסאָן, בראָנזוויל, ס. ט. — עקזיסטירט א קורצע צייט. ביים גרינדונג 14, יעצט 40 חברים. אראנזשירט א לעקטשור.

דעל. הורוויץ, פיטסבורג. — דיא שטימונג ס. ט. אָנגעפיהרט א שטאַרקע אגיטאַציאָן, בעזוכט געוואָרען פון אב. גאָלדבערג. מאָ־ראלישער ערפאָלג. יעצט 40 חברים. אלע גוטשטעהענדע. עס ווערן אָבגעהאַלטען 4 מיטינגען מאָנאטליך, 3 פראָפּאגאנדא, 1 אגיטאַ־ציאָן. טהעטיג געארבייט פירן ס. פּ. קעמפּיין. אונטערשטיצט דיא פילאד. סטרייקער מיט $75, זעהר טהעטיג געארבייט פיר זעלבסט־פערטהיידיגונג. „דאָס פאָלק" געשטיצט מיט $50.

דעל. קאַמאראָף, מאָנטרעאל. — גרינדונג 3 יאנואר 1906 מיט 12 חברים, יעצט 75 חברים. זעהר טהעטיג און ענערגיש אין דער ארבייט. „דאָס פאָלק" געשטיצט מיט $120. שוירט מעקערס מיט $30, 30 דעם א. ק.

דעל. בראכמאן, פילאד. — בעריכטעט פון דער ארבייט פון דיא לעצטע 6 מאָנאטען. דער פעראיין צעהלט 120 חברים. איז געוועזען זעהר טהעטיג נאָך דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. וויניגער ביזנעס מיטינגען און מעהר טהעאָרעטישע, פון דיא נייע אריבער־געקומענע חברים פון ס. ס. רוסלאנד. בעטהייליגען זיך טהיילווייז אין דער אָרגאַניזאַציאָן. דער פעראיין האָט אָרגאַניזירט א פייפער הענגערס יוניאָן. ענערגיש געארבייט פיר ליידים ווייסט מעקערס סטרייק. פעררופען א קאָנפערענץ פון אלע פילאד. אָרגאַניזאַציאָנען צו העלפען דעם שוירט מעקערס סטרייק. קאָנפערענץ געבראָכען דורך דיא פילאדעלפיער פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. די אָרגאַניזאַציאָן האָט אָבער דאָך געפיהרט טהיילווייז דעם סטרייק. און דיא בעסטע קרעפטע פון דער אָרגאַניזאַציאָן זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאר דיא אינטערעסען פון דעם סטרייק. געהאָלפען דעם ניום דיעלערס טרייק, דיא לעצטע אויך מיטגעהאָלפען ביים סע־טעלמענט פון סטרייק. עס מערקט זיך דער פאקט אין פילאדעלפיא

אז אידישע ארבייטער ווערען ארויסגעשטויסען פון דער ארבייט פון אידישע פעקטאָריעס צוליעב דעם וואָס זיי זיינען אידען. דאָס ווערט געטהאָן ניט נור אויף דער איניציאטיווע פון דיא באָסעס, נור אויך זייטענס דיא ארבייטער. דיא ענגלישע יוניאָנס וועלכע האָבען אידישע מיטגליעדער ווענדען זיך אָפט צו די ס. ט. נאָך רעדנער.

**דעל. שטיינבערג, לאָמזער ראיאָן, ס. ס., נ. י.** — דער ברענטש בעשטעהט פון 35 מיטגליעדער. געוואונען פון בונדיסטישען לאגער איינינגע אינטעליגענטע קרעפטען. צוויי פון דיא טהעטיגסטע חברים צוריקגעשיקט נאָך רוסלאנד. דער ברענטש פערשפרעכט צו ארביי־טען ענערגיש אין דער צוקונפט. געשטיצט יוניאָנס אין סטרייק. דיא נייע אריבערגעקומענע ס. ס. ווערן זעהר שטארק געווירקט פון דער אעמריקאנער אטמאָספערע און ווערען ס. ט.

**מעדאוויק, ס. ר. ט., נ. י.** — דער ברענטש עקזיסטירט 9 מאָנאט צייט. אָנגעהויבען מיט 12 חברים יעצט 45 גוטשטעהענדע. האָבען א זעהר גרויסע ווירקונג אויף דיא אידישע סאָצ. רעוואָלוצ. ניט טערר. ערוואַרטען אין קורצען דעם אריינטריט פון דעם סאָצ. רעוו. בר. זיד רוסלאנד, נ. י. אָבגעדרוקט „דיא רעזאָלוציאָנען פון דיא ס. ר. ט.“ אין בראָשור פאָרם, בערייטען זיך ארויסצוגעבען א יאהרעס־בוך. אוועקגעשיקט צוויי חברים נאָך רוסלאנד צו אר־בייטען דאָרט פיר דיא בעוועגונג. זייער בעריכט צופריעדענשטע־לענד. זיי האָבען א גרויסע ווירקונג געמאכט אויף דיא ס. ר. אין זיד רוסלאנד. דיא לעצטע אין 6 שטעדט האָבען זיך אָבגעזונדערט פון דיא אלגעמיינע ס. ר. און געבילדעט ס. ר. ט. גרופען.

**ניומאָן, י. ט. א. פ., נויאָרק.** — געגרינדעט מיט 6 וואָכען צו־ריק, 45 חברים, איז אינסטרואירט געוואָרען צו שאפען אזא פלאט־פאָרם אויף וועלכען זיי זאָלען קענען ארבייטען צוזאמען מיט די ס.ט.

**א. פייפמאכער, טאָראנטא.** — עקזיסטירט 2 מאָנאט צייט. דער בר. איז געגרינדעט געוואָרען דורך א שטענדיגע קאָרעספ. צווי־שען דעם א. ק. און א חבר וועלכער האָט זיך געפונען אין יענער גע־

געגענד. בעזוכט געווארען פון אב. גאָלדבערג, בעשטעהט יעצט פון 25 חברים, שטימונג ס. ט. גוטע האָפנונגען פיר ווייטער.

א. פייפמאַכער, סט. לואיס. — דער פעראיין איז געגרינדעט געוואָרען דורך אַ שריפטליכע פערבינדונג פון א. ק. מיט א חבר, וועל־כער האָט זיך געפונען אין יענער געגענד. ער האָט בעזוכט אַ דיסקוסיאָן אַבענד פון פּ. צ. איז אַרויסגעטראָטען אַלס אָפּאָנענט און נאָכדעם וויא ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס ס. ט. האָבען זיך צו איהם געמעלדעט פון דער פערזאמלונג איהם גאַנץ אונבע־קאַנטע 5 פערזאָן. זיי האָבען געגרינדעט דיא גרופּע. יעצט צעהלט דער פעראיין 15—16 חברים. פּעפּערבערג דער איניציאַטאָר בע־זוכט זיי יעדע וואָך.

דעל. שפּריין, באַלטימאָרע. — קריטיקירט דעם א. ק. וואָס דער לעצטער האָט ווייניג געהאָלפען דעם ברענטש. געגרינדעט 7טען אָקט. 1905 מיט 5 מיטגליעדער, אַרויסגעטראָטען פון דיא פּ. צ. פיעלע שוועריגקייטען בעגעגענט אויף זייער וועג פון אַרבייט. דיא אַגיטאַציאָנס מיטינגען האָבען געבראַכט דיא געווינשטע רעזולטאַ־טען. פיעלע נייע חברים האָבען זיך געמעלדעט אין בר. מאַנגעל אַן רעדנער גרויס. דער א. ק. האָט זיי אַזעלכע ניט געשיקט. אין דער צייט פון דיא פּאָגראָמען פעררופען אַ קאָנפערענץ פון אַלע ראַד. אָר־גאַניזאַציאָנען פאַר אַ פעראייניגטע ס. דעפענס. צובראָכען געוואָרען דורך דיא בונדיסטען. פעראַנשטאַלטעט אַ קאָנצערט און באַלל מיט אב. גאָלדבערג אַלס פעסטרעדנער. לעצטער איז אָבער ניט געקומען. אַ צווייטען מאָל געקומען צו שפּעט. זיי האָבען אַראַנזשירט פער־זאַמלונגען מיט דר. זשיטלאָווסקי, נור ער איז ניט געקומען. געהאַט אַ פינאַנציעלע נידערלאַגע. עס האָט זיי בעזוכט דר. באַרבער פון פילאַדעלפיא. ענדליך דאָך בעזוכט געוואָרען פון דר. ח. זשיט־לאָווסקי, געוועזען ערפאָלגרייך. אַ גרויסע ווירקונג געמאַכט אויף דעם באַלטימאָרער פובליקום. צעהלען ביז 40 חברים. געגרינדעט אַ ביב־ליאָטעק מיט אַ לעזע צימער. פערעפענטליכט אַ פּראָקלאַמאַציע צו־

זאמען מיט דיא פּ. צ. וועגען דער מאַקסים אַפּעיר. צירקולארס גע־מאַכט. אַ גוטע ווירקונג. דיא שטימונג פון חברים א. ס. ט.

טשערניאק, וויניפעג. — געגרינדעט מיט 3 מאָנאַט צוריק מיט 5 חברים. יעצט 35. ס. ס. ס. ר. אנארכיסטען. קאָנסטרוקציאָן פון פעראיין. 2 אונטערנעהמונגען פעראַנשטאַלטעט, אויך אַ קאָנ־צערט און באָל, געווען ערפאָלגרייך. געעפענט אַ ביבליאָטעק און לעזע־צימער. געארבייט ענערגיש פיר „דאָס פאָלק". מיטינגען אַלע וואָך. מעהרסטענס טהעאָרעטישע. 5 לעקטשורס אָבגעהאַלטען מיט אב. גאָלדבערג, גרויסער ערפאָלג. בעסטע ווירקונג אויף דעם וויני־פעגער עולם. סימפּאַטהיע פון ראדיקאַלען און סאָצ. עלעמענטען. פיעלע געגנער געוואונען. שוירט מעקער סטרייק אונטערשטיצט. 2 דיסקוסיאָנס אבענדען פעראנשטאלטעט מיטן בונד.

בודסאַן, טרענטאָן. — אנגעפיהרט אגיטאַציאָן צווישען אנארכיסטען מיט דער מיטהילפע פון חבר ראזומאווסקי אוים פיל. א שטארקע אגיט. מיט דער הילפע פון שניאור. חברים צעהלען 40. שטימונג ס. ט.

(שלום דער פעראיינס־בעריכטע.)

צוקערמאַן, סעקרעטער פון רעזאָל. קאָמיטע ברייננגט אריין פאָלגענדע רעזאָלוציאָן :

טראָץ דעם וואָס אין פיעלע הינזיכטען איז דיא ארבייט פון א. ק. ניט געווען אין גאַנצען צופריעדענשטעלענד, דאָך אנערקענענ־דיג דיא שווערע אומשטענדען אונטער וועלכע דער א. ק. האָט גע־ארבייט, געדיינקענדיג, דאָס דער לעצטער האָט לויט דיא דאמאלס־דיגע צוזאמענשטעלונג פון דער פארטיי ניט אימער געהאט דיא נויטיגע אינסטרוקציאָנען, לויט וועלכע ער זאָל אנפיהרען זיין טהעטיגקייט, זיי עס בעשלאָסען דאָס מיר דריקען אוים אונזער אנערקענונג דעם א. ק. וואָס האָט אונטער דיא אומשטענדען ער־פיללט זיין חוב אַלס דיא אָפיציעלע קערפערשאפט פון דער פארטיי.

רעזאָלוציאָן ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

צווייטע רעזאָלוציאָן איבער מאָוער און הייוואוד: „דיא אין באָסטאָן פערזאַמעלטע קאָנווענשאָן פון סאָצ. טערר. פון יונ. סט. און קענעדע, דריקט אויס איהר סימפּאטהיע מיט דיא חברים מאָוער און הייוואוד, וועלכע שמאַכטען אין געפענגניס אַלס אָפּפער פון דער קאַפּיטאַליסטישער „גערעכטיגקייט", וויא אויך אונזער ענטריסטונג און פערדאמונג געגען דיא פרעכע פערגוואלטיגונג פון דיא פון דער קאָנסטיטוציאָן פערזיכערטע רעכטע. מיר בעשליסען אויך צו שטיצען פינאַנציעל און מאָראַליש דעם קאמפף פיר דיא בעפרייאונג פון דיא צוויי חברים. עס לעבע דיא אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער סאָלידאריטעט! עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

רעזאָלוציאָן אָנגענומען איינשטימיג.

פּאָרשלאג פערעפענטליכען אין ענגלישע צייטונגען, דורכגעגאנגען.

3טע רעזאָלוציאָן, א ענטפער אויף דער טעלעגראמע פון ס. ס.

חברים ! מיט גרויס בעגייסטערונג און מיט ליעבע האָבען מיר אָנגענומען אייער בעגריסונג טעלעגראמע צו דעם ערשטען צוזאמענפאָהר פון ס. ט. אין אמעריקא. צו־וואָרפען אין אלע לענדער, צושפּרייט איבער דער גאנצער וועלט, זיינען מיר אלע פעראייניגט דורך דיא געמיינזאמע אינטערעסען פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט אויך דורך אונזער אַלגעמיינעם שטרעבען צו בעפרייען דאָס אידישע פאָלק אויף אן אייגען לאנד.

חברים! מיר בעטראכטען אייער בעגריסונג אלס א שטארקען אויסדרוק פיר דער פעראייניגונג פון אלע סאָצ. טערר. פּארטייען פון אלע לענדער; מיר האָפען אז אין גיכען וועלען זיך אלע סאָצ. טערר. כוחות פעראייניגען אין איין אַללוועלטליכע סאָצ. טערר. פּארטיי. עס לעבען דער סאָצ. טעריטאָריאליזם ! עס לעבע דיא אַללוועלטליכע אידיש־סאָצ. טערר. ארבייטער פּארטיי.

איינשטימיג אָנגענומען.

זיצונג געשלאָסען 12.30 נאָכמיטאג.

## זיצונג פרייטאג 2 נאָכמיטאג.

### טשערמאַן אב. גאָלדבערג, וויס־טשערמאַן צוקערמאַן.

בעגריעסונגס טעלעגראַמען:

מיניקאָווסקי — פילאד., פעפערבערג, עדוואַרדסוויל.
צ. ק. ניו־יאָרק, ס. ט. באלטימאָרע.

עס ווערען אריינגעבראַכט, דיא רעזאָלוציעס איבער סאָציאַ־ליזמוס, פון רעזאָל. קאָמיטעע.

פאָרשלאַג צו געבען, נור דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטעע דאָס וואָרט.

ראָזומאָווסקי (קריעגט א פריוועלעגיום) ער וויל פאר קיין פאַל ניט ארויפדרינגען זיינע געדאַנקען אויף דער פערזאַמלונג. ער האָט ערוואַרטעט אין דער קאָרעגירטער רעזאָלוציאָן א קאָמפּראָ־מיס, ער געפינט עס אָבער דאָרט ניט.

עס איז פיעלייכט עטוואָס אין דיא רעזאָלוציאָנען געענדערט געוואָרען אָבער ניט צוגעגעבען געוואָרען. צום אויסדרוק קאַפּיטאַ־ליסטען און ארבייטער איז אמת, צוגעגעבען געוואָרען „דריקער און אונטערדריקטע" דאָס מאַכט אָבער ניט קאַלט, ניט וואַ־רעם. הער נייער פונקט, אז מיר דאַרפען אויך קולטורעל ענט־וויקלען דיא ארבייטער בריינגט אונז קיין נייעס ניט. אַלע ס. ד. קענען זיין איינפערשטאַנען מיט דעם, דאָס ענדערט גאָר ניט דעם פריהעריגען כאַראַקטער פון דיא רעזאָלוציאָנען.

זש. גלאַבום פיר דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטע, ערקלערט דיא רעזאָלוציאָן פאר די ס. ר. ט. מען האָט דאָך ניט געקענט ערוואַרטען א ריינע ס. ר. ט. ריכטונג. ער גיט צו, אז אין גאַנצען זיינען דיא רעזאָלוציאָנען מעהר מאַרקסיסטיש וויל דאָרט ווערט קאָנסטאַנ־טירט אלס פאַקט, אז קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך א. ז. וו. עס קימערט איהם אָבער ניט, דאָס קענען דאָך אונז ניט שטערען אין אונזער פראַקטישע ארבייטען, ער וויל ניט פארגעוואַלטיגען דיא

מיינונגען פון ס. ט. און ס. ס. דער מאדום שליעסט ניט אוים דעם הויפט פרינציפ פון דיא ס. ר. ט. און איז אויך ניט פאר איהם.

שניאור אין נאמען פון דיא ס. ט. ערקלערט, דאס דיא רעזאלוציאנס קאמיטעע האט ניט געוואלט געבען איין אקאדעמישען אינהאלט דער פראגע. דער מאדום לאזט אלזא פלאץ פאר דיא ס. ר. ט. און ס. ד. זייער רעספעקטיווע אקאדעמישע שליעסע צו ציהען: זיי האבען אריינגעשטעלט דיא קולטורעלע ארבייט, אלס פאקטאר אין סאציאל. ווייל אן דעם פונקט געהען זיך צוזאמען דיא ס. ד. מיט דיא ס. ר. און עולה פון ראזומאווסקען, וואס פערלאנגט מיר זאלען גראדע ארויסלאזען אזא פארמולע, וועלכע איז איינהייטליך פאר דיא ס. ד. און ס. ר. ווען דאס איז אייגענטליך אונזער הויפט - אויפגאבע. דיא רעזאלוצ. זאגט ניט אויסשפרעכליך, אז נור קאנצענטראציאן פון קאפיטאל פיהרט צום סאציאליזמוס. דאס איז נור בעשטעטיגט געווארען, אלס פאקט, אבער דער וועג צום סאציאליזמוס איז באצייכענט געווארען אויך דורך דיא ארג. פון דיא ארבייטער מאסען און דורך קולטורעלע ארבייט, דער מאדום לאזט פרייען פלאץ פיר טעארעטישע און אקאדעמישע סכסוכים, בעדויערט, וואס מען האט ניט אנגענומען דיא רעזאלוצ. אן בלאק.

אויערבאך רעדט פאר דיא ס. ד. זיינע טהעזיסען זיינען שוין געוועזען איין קאמפראמיס: זיי זיינען אבער דורך דיא רעזאלוצ. קאמיטעט אזוי מאדיפיצירט געווארען, אז ער קען מיט זיי ניט זיין איינפערשטאנדען מען וויל זאגען, אז קאנצענטראצ. פון קאפיטאל איז ניט דיא קוועלע פון פארגרעסערונג פון דער ארב. מאסען, מען קאנסטאטירט נור דעם פאקט, אום נאר עטוואס צו בעפריעדיגען דיא ס. ד. „דאנקע שעהן, מיינע הערען“ !

אנשטאט אנצורוייזען דייטליך, דעם צושטאנד פון דיא ארבייטער מאסען אין אלגעמיין און דיא אידישע ארבייטער ספעציעל, דורך דיא ענטוויקלונג פון קאפיטאל, האט מען מורא גע-

האט פאר דאס וואָרט „קאפיטאליסט. און ארבייט.“ און מען האט מאדופיצירט אונטערדריקער און אונטערדריקטע.

אין פונקט 9. אנשטאט דעם אויסדרוק: קאמפף צווישען „קאפיטאל און ארבייט“ האט מען קארעגירט קאמפף געגען קאַפיטאליזמוס. דיא רעזאָלוציאָנען האבען אונז קיין ענדערונג געבראכט און עס בלייבט מיט אונזער סאָציאליזמוס וויא פאר דער קאָנוועגשאָן, דאך איז ער פאר דיא רעזאָלוציאָנען, ווייל אנדערע הייסט דאס צושפאלטונג און שטימט דאפיר מיט א צו־ווייטאָגטען הארצען.

טשערמאן אב. גאָלדבערג לעזט פאָר דיא רעזאָלוצ. פונקט ביי פונקט.

פונקט 1. און 2. אלע דאפיר ראזומאָווסקי דאגעגען
פונקט 3 און 4 — 24 דאפיר.
פונקט 5 — 27 דאפיר, 2 דאגעגען.
פונקט 6 — 25 דאפיר, 3 דאגעגען.
פונקט 7 ווערט דעבאטירט און אָנגענומען.
פונקט 8 — 25 דאפיר, 2 דאגעגען.
פונקט 9 — 26 דאפיר, 2 דאגעגען.
לעצטע רעזאָלוציאָן איינשטימיג.

ל. פייפמאכער שלאָגט פאָר זיך דייטליך אויסצושפרעכען פיר דעם פארלאמענטאריזמוס און אין דעם פונקט פאָליטישען קאמפף זיך אויסצושפרעכען דאפיר. בעשלאָסען צו שטימען אָהן דעבאטען.

פאָרשלאג ווערט אריינגעבראכט: פאָליטישער קאמפף זאל אויך מיינען פארלאמענטאריזמוס. דאפיר שטימען 27 דאגעגען 6. מינאָריטעט ציהעט זיך צוריק צור בעראטהונג. עס ווערט לעבעדיג אין האָלל, זיצונג לעזט זיך אויף א ווייל, נאָך 5 מינוטען און דיא זיצונג עפענט זיך ווידער.

שניאור אין נאמען פון דער מינאָריטעט קריעגט דאס וואָרט: „דיא קאָנוועגשאָן איז געקומען צו איהר שווערען פונקט. עס האנ־

דעלט זיך אום דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי, ווייל ניט רעדען וועגען די געפיהלען, וועלכע בעהערשען איהם יעצט, דען די לאָגיק קען דורך דעם ליידען. דיא אַללע דעל. פון דער מינאָריטעט זיינען אינסטרואירט צו שטימען געגען יעדעם פּונקט, וועלכער קען פיהרען צו אַ שפּאַלטונג: ער איז פּרינציפּיעל ניט געגען פּאַרלאַמענטאַריזם, גלויבט אָבער ניט אין אַ אידישע סאָציאַל. פּאָליטישער פּאַרטיי, דער בעשלוס פון דער מינאָריטעט אַלזאָ איז זיך צוריקצוציהען פון דער קאָנווענשאָן, ער פערלאַנגט אין נאָמען פון מינאָריטעט אַז דער פּונקט זאָל בלייבען אָפּען. פּאָליטישער קאַמפּף, ניט בעשטימענדיג דיא פאָרמע. אַפּעלירט ווארם צו דיא דעלעגאַטען אים נאַמען פון דער גאַנצקייט פון דער ס. ט. פּאַרטיי, און דיא אינטערעסען פון דיא אידישע מאַסען פּאַרלאַמענטאַריזמוס ניט צו בעשטימען.

עס שטימען פיר איבערשטימונג 14 דעלעגאַטען, געגען 13.

פּאָרשלאַג עס זאָל רעדען 1 דאַפיר 1 דאַגעגען 10 מינוט רעדע צייט.

י. גלאַבום רעדט אין נאַמען פון מאַיאָריטעט.

שניאור רעדט אין נאַמען פון מינאָריטעט.

גלאַבום מיינט: מיר מוזען אָננעהמען פאַר דעם סאָציאַל. אַ געוויסע ארט פון טהעטיגקייט, ניט פּאַסיווע סאָצ. דאַרפען מיר זיין, נאָר אַקטיווע. דיא איינציגע רעעלע ארבייט פאַר׳ן סאָציאַליזמוס, איז פּאָליטישער קאַמפּף און פּאַרלאַמענטאַריזם.

שניאור: דאָ איז ניט דער פּלאַטץ פיר צושפּאַלטונג ביי דער פראַגע פון ס. פּ. און ס. ל. פּ. וועלען מיר האָבען צייט דערצו, וואָס עס וועט זיך האַנדלען אום אונזער פּאַרלאַמענטאַרישע אַרבייט, פיר אַמעריקאַ, אָבער ניט דאָ ביי דעם פּונקט וואָס מיר האַלטען ביים בעגרינדען דעם סאָציאַליזמוס.

אייניגע דעלעגאַטען שטערען איהם אין רעדען, ער פערלאָזט דיא פּלאַטפאָרם.

ראזומאָווסקי שלאָגט פאָר דיא פראגע איבערצוגעבען צו א רעפערענדום וואוט צו דיא פעראיינען. א. פייפמאכער שלאָגט פאָר עס דאָ צו בעשליעסען און דעם רעזולטאט פון דער אבשטימונג שיקען אלס רעקאָמענדאציאָן צו דיא פעראיינען, דיא ענטשיידונג איבערלאָזענדיג צום רעפערענדום וואוט.

פיר ראזומאָווסקי'ס פאָרשלאג, 13 דאפיר און 16 דאגעגען.
פיר א. פייפמאכער'ס פאָרשלאג, 16 דאפיר און 10 דאגעגען.
עס שטימען פאר „פארלאמענטאריזמוס" 16, דאגעגען 11.

עס לויפען איין בעגריסונגס־טעלעג. פון מ. קאטץ, ניו־יאָרק און ל. עלבע, נויאָרק און באָסטאָנער פ"צ.

צוקערמאן שיקט אריין א רעזיגנאציאָן אלס דעלעגאט צום קאָנווענשאָן.

ראזומאָווסקי ציהט זיך צוריק פערלאנגט אָבער א ערקלערונג צו געבען.

פאָרשלאג צו געבען ביידען דאָס וואָרט. אָנגענומען.

צוקערמאן: ער האָט געהאט אינסטרוקציאָנען פון זיין בר. אז וויא עס וועט זיך האנדלען ביי א שפאלטונג זאָל ער שטימען געגען אזא פאָרשלאג. זיי האָבען עס געטהאָן אויף אזוי ווייט וויא זיי האָבען געקענט. א רעקאָמענדאציאָן פון קאָנווענשאָן הייסט א בעשלוס פאר די פארטיי. דער רעפערענדום וואוט, וועט אלזאָ גאָר ניט ענדערן, ער איז מיט דער אָרגאנ. בעקאנט און איז זיכער אז דיא פעראיינען וועלען שטימען מיט דער קאָנווענשאָן, זעהענדיג אין פאָראוים דיא שפאלטונג אין דער אָרגאניזאציאָן צוליעב דעם פארוואָרפענעם פרינציפ פון פרייע פלאטפאָרם ציהט ער זיך דאריעבער שוין צוריק, צוליעב קלייניגקייט געהט דיא גאַנצע אַרבייט פון צוויי יאָהר צייט צוגרונדע. דאָס איז א פאָליטיק פון דעם א. ק., אום נאָך דיעזעס יאָהר צו קענען ארבייטען פיר'ן קעמפיין. ער איז זעהר אויפגעבראכט און מיט טרעהרען פערלאָזט דיא פלאטפאָרמע.

ראָזומאָווסקי קריעגט דאָס וואָרט, ער מיינט, ער און צוקערמאַן פאַרטרעטען דאָ אייגענטליך ניט די אַנאַרכיסטישע ריכטונג נור די ס. ט. זיי האָבען קיינמאָל ניט געוואָלט דורכשמוגלען אַנאַרכיסטישע געדאַנקען. בראַכמאַן און שניאור, פּהיל. דעלעגאַטען זיינען פערברעכער. ווען זיי בלייבען אין קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן האָט ניט געהאַט דאָס רעכט די גאַנצע פראַגע צו שטימען. די דעלעגאַטען זיינען אַלע ה. ס. און האָבען געוואָלט ארויסשטופען די ס. ט. ער ווייס זיכער אַז פיעלע פעראיינען וועלען זיך ענטזאָגען פון ארבייט אין פאַל עס וועט פאָרקומען אַ שפּאַלטונג.

עס ענטשטעהט אַ טומעל, אַלע פערלאַנגען דאָס וואָרט.

גלאַבום שלאָגט פאָר די רעזיגנאַציאָן אַנצוערקענען און צו געבען אַ וואָרט דעם טשערמאַן. עס ווערט בעשלאָסען קיינעם אויסער טשערמאַן קיינע ווערטער צו געבען.

טשערמאַן אב. גאָלדבערג: מיר האָבען געוואָלט אָנהאַלטען אַלע ס. ט. אין איין אָרגאַניזאַציאָן, די סאָצ. רעזאָלוציאָנען זיינען געווען אַ קאָמפּראָמיס. דער אָנגענומענער פאָרשלאַג גופא וועגען פּאַרלאַמענט.איז אויך געווען אַ קאָמפּראָמיס. מיר האָבען ניט בעשלאָסען צו שפּאַלטען די אָרגאַניזאַציאָן. פאַר די פעראייניען בלייבט עס אייגענטליך פריי די פראַגע צו בעשטימען. אויב מיר האָבען ניט אויסגעדריקט דעם ווילען פון דער פּאַרטיי דאַן וועלען די פעראיינען האַנדלען. צוקערמאַן מיינט אָבער, אַז די חברים זיינען ניט גענוג ענטוויקעלט און מען קען זיי די זאַך ניט אַנפערטרויען. מיר, פאַרקעהרט, האָבען דעם גרעסטען צוטרויען צו די חברים וועלען די פעראיינען נור אונזער בעשלוס בעשטעטיגען דאַן האָבען מיר אויסגעדריקט דעם ווילען פון די חברים דאַן האָבען מיר געהאַנדעלט ריכטיג, דאָס אַלעס וואָס מיר האָבען געוואָלט. צוקערמאַן, שניאור און גאָלדבערג האָבען ביז דער קאָנווענשאָן גענוג געהאַט די מעגליכקייט ארומצופאָהרען און צו אַגיטירען פיר זייערע רעספּעקטיווע אנשויאונגען, זיי האָ־

בען עס אויך געטהאָן, זיי האָבען גענוג צייט געהאַט דיא חברים אויפצוקלעהרען איבער דער פראַגע, יעצט זיינען מיר גענוג פאַר־טיג פאר איהר. מיט אָנשרעקענישען האָט מען אונז געוואָלט צווינגען צו פערוואַרפען דיעזען פונקט פאר וועלכען מיר שטעהען. צוקערמאַן און רעזומאָווסקי האָבען קיין רעכט צו אנטלויפען פון דער קאָנווענשאָן ראַזומאָווסקי איז געווען אמאָל געגען אונז און איז געקומען צו אונז, נון, געהט ער ווידער אוועק, קיין געפאַהר. צוקערמאַן איז געווען געגען אונז, איז ער געקומען אין אונזער לאַגער, ער געהט יעצט אוועק, וועט ער צוריק קומען „הנסים מן המחנה" מעגען בלייבען „מחוץ למחנה" מיר מוזען אָננעהמען דיא רעזיגנאַציאָן. (שטורמישער אַפּלאָדיסמענט.)

שניאור בעקומט דאָס וואָרט, ער רעדט צו די דעלעגאַטען צו־קערמאַן און ראַזומאָווסקי. וויזט אויך, ווי עהרליך דיא דעלעגאַטען האָבען געהאַנדעלט מיט דעם בעשלוס, דאָ איז קיין צוואַנג. די פער־איינען דאַרפען בעשטימען און קיינער וויים ניט ווי אזוי. אין נאָמען פון דער פילאַד. אָרג. אין נאָמען פון דער גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי, אַפּעלירט ער צו זיי זיך ניט צוריק צו ציהען. אויב זיי טהוען עס ברעכען זיי דיא פּאַרטיי. „דער פהילאַד. בר. פאָדערט עס פון אייך ניט, ער פערלאַנגט איהר זאָלט דאָ פערבלייבען. קומט צוריק חברים!"

צוקערמאַן פערלאַנגט, מען זאָל קיין פּאַרלאַמענטאַרישע ארבייט ניט טהון ביז נאָך'ן רעפערענדום וואוט. דיא פערזאמלונג מיינט, אז דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך. דיא מיטגליעדער פון א. ק. בלייבט אָבער פריי דאָס רעכט אלס איינ־צעלנע צו אגיטירען אין דיא פעראיינען פאר'ן פּאַרלאַמענטאַריזמוס.

ראַזומאָווסקי פערלאַנגט דער א. ק. זאָל ניט האָבען דיא קאָנטראָל איבער דעם רעפערענדום וואוט, דאָס זאָל אנפערטרויט ווערען א ספּעציעלער קאָמיסיאָן. דיא מיינונג פון דער פערזאמלונג איז אז דאָס איז אונמעגליך. — דיא צוויי דעלעגאַטען קומען צוריק.

דעלעגאט אב. גאָלדבערג לעזט פאַר דיא רעז. וועגען טערי־טאָריאַליזם. נויטהוועגדיגקייט: פונקט 1, 2, 3, דאפיר —25—געגען—4.

ס. ר. ט. פראָטעסטירען פאר וואָס מען האָט דעם פונקט גע־שטימט אָהן דעבאטען.

פאָרשלאג ווירד געמאכט צו געבען א פריווילעגיום דז. גלאָבוס, ער ענטזאגט זיך.

עס פאָלגען דיא רעז. וועגען רעאַליזירונג. פונקט 1 אָהן דע־באַטען. 1, שטימט דאגעגען.

פונקט 2 ווערט אָנגענומען איינשטימיג.

ביי פונקט 3. וויל דעל. קרעמער בעסער פערשטעהען דעם אונטערשיעד פון סאָציאלע און מאטעריעלע לאגע, איז דיא מאטער. לאגע בעסער דאַן איז אויך דיא סאָצ. לאגע בעסער.

ניומאַן בעמערקט אַז דיא מאטעריעלע לאגע פון דעם אידי־שען פאָלק אין אמעריקא האָט זיך ניט פערבעסערט אלס גאנצעס נור פיעלייכט פון אייניגע איינצעלנע אינדיווידועז.

סלאָנים וואָלט וועלען דעם גאנצען פונקט שטרייכען וויל מיר קענען נאָך ניט דיא אידישע ארבייטער לאגע.

בראכמאַן בעמערקט קרעמער׳ן אַז ווען דער לעצטער וואָלט איהם בעוויעזען אַז דיא אידישע ארבייטער אין אמעריקא קריגען דיעזעלבע ווידזשעס דאָ וויא אין איירָאפּא, דאַן וואָלט ער איהם צוגעגעבען, אַז דיא מאטעריעלע לאגע פון דיא איד. ארבייטער אין אמעריקא האָט זיך ניט געענדערט ער קען איהם אָבער דאָס ניט בעווייזען, און דאפיר איז ער, בראכמאַן, יא איינפערשטאַנדען מיט דער רעזאָלוציאָן. ער בעמערקט סלאָנימען, אַז ער סלאָנים האָט ניט בעוויעזען מיט פאקטען, אַז דיא אידישע ארבייטער אין אמע־ריקא האָבען דאָ איבערגעביטען זייערע היימישע טריידס, דאָס איז ידוע אַז זיי זיינען דערווייל[ע] דאָ געבליעבען ביי זייערע טריידס. אין זייערע סאָציאלע לאגע איז אויף א האָר ניט בעסער געוואָרען.

דז. גלאָבוס, ערקלעהרט קרעמר'ן, אז מיט דעם וואָרט „מאַטעריעלע בעסער" מיינט מען רעלאַטיוו צו זייערע מאַטער. לאַגע אין איירָאָפּאַ, רעלאַטיוו צו דעם אַמעריקאַנער ארבייטער איז זיין מאַטער. לאַגע טאַקע ניט קיין גוטע, ווייל דער לעצטער, דער אַמעריקאַנער ארבייטער, פערדיענט פיעל מעהר וויא דער אידישער, און דאָ איז שוין דיא שולד פון דער סאַצ. לאַגע. ער ווייזט אָן, אז דיא אידישע ארבייטער זיינען דאָ אין אַמעריקא ניט איבערגעגאַנגען אין א העכערע פאָרמע פון פּראָדוקציאָן. דיא אונגעהייערע צאָהל פון סטענדקיפּער, רעגס־פּעדלער, דזשאָבּ דיעלערס, און קליינע קרעמערלאך זיינען אונז א לעבעדיגער בעוויז, עקאָנאָמישע גרינדע פיהרען אונז צום טעריטאָריאַליזמוס.

א פּאָרשלאַג ווירד אריינגעבראַכט צו שליעסען דיא דעבאַטען, דעל. קרעמער וויל זיך נאָך קלאָהר מאַכען איבער דעם פּונקט. פּעלדבערג בעט א פּריווילעגיום פאר קרעמער. ער קריעגט 10 מינוט רעדעצייט.

קרעמער וויעדער מיט דער אלטער טענה, אויב זיין מאַטעריעלע לאַגע איז בעסער דאָן איז אויך זיין סאָצ. לאַגע בעסער, דאָן דאַרף ער ניט דעם טערר. ערקלעהרט איהם דעל. גאָלדבערג, אז מען מיינט ניט גוט, אבסאָלוט, נור רעלאַטיוו צו רוסלאַנד, אזוי אָבער איז טאַקע דיא לאַגע פון ארבייטער אין גאָלדענעם לאַנד אויך צרות.

פּונקט 3 ווערט ענדליך געשטימט איינשטימיג אָנגענומען.

פּונקט 4 איינשטימיג אָנגענומען.

צו דעם פּונקט בעמערקט קרעמער, אז דער נאַצ. בעוואוסטזיין ביים איד. פאָלק איז ניט אויסגעוואַקסען צוליעב פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע אורזאַכען פון לעזען נאַציאָנאַלע ביכער און זאָ ווייטער, ניט דורך קולטורעלע ענטוויקלונג. — נור דורך נעגאַטיווע אורזאַכען וויא דורך פּאָגראָמען, אויסנאַהמעגעזעצע געגען אידען, וועלכע טרייבען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט צו פערבעסערען זיין לאַגע און צו געפינען א אויסוועג. גאָלדבערג אָבער איז דורכאוים דער מיינונג, אז דיא אינדיווידועלע פערזענליכקייטען פון דיא פעלקער האָבען זיך דעם לעצטען יאָהרהונדערט ענטוויקעלט דאָס

זעלבע איז געשעהען מיט דעם אידישען פאָלק דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען יעצט צו פיהלען נאַציאָנאַל. —

פונקט 5 ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

עס ענטוויקעלט זיך אַ דעבאַטע איבער פונקט 7.

פעלדבערג האָט מורא, אַז די רעגיערונגען וועלען אונז ניט לאָזען ענטוויקלען אַ אייגענע פּראָדוקציאָן, גאָלדבערג ווייזט איהם אָבער אָן אויף קאַנאַדאַ וואו אַ קאַנאַדישע פּראָדוקציאָן האָט זיך ענטוויקעלט געגען דעם ווילען פון ענגלאַנד דאָסזעלבע מיט אויסטראַליען און ניו זעעלאַנד. דייטש האָט מורא מיר זאָלען ניט קומען אין קאָנפליקט מיט די רעגיערונגען וועלכע וועלען בע־שיטצען דעם קאַפּיטאַל פון די קאָלאָניען. גאָלדבערג דענקט אָבער אַז מיר בילדענדיג אַ קראַפט דאָרט וועלען ניט דאַרפען מורא האָבען דאַפיר. דייטש האָט אָבער מורא אַז די קאַפּיטאַל. וועלען צוריקציהען זייערע קאַפּיטאַלען נאָך איידער מיר וועלען האָבען אַ מעגליכקייט זיך דאָרט צו קאָנצענטרירען און בילדען אַ מאַכט.

גאָלדבערג ענטפערט, אַז די קאַפּיטאַל. וועלען זיין פער־אינטערעסירט צו לאָזען ליעגען דאָרט זייערע אינוועסטמעטע קאַ־פּיטאַלען, וועלכע ברייננגען זיי אַ גרויסען פּראָפיט. —

סלאָנים וויל ניט נעהמען אלס בעווייז ניו זעעלאַנד און קאַנאַדאַ, אונזער בעזעצונג ווערט ניט געהען אזוי שנעל. און האָט דאהער מורא פאַר די שטערונגען פון די רעגיערונגען. דז. גלאָ־בוס וואָלט וועלען מיר זאָלען ארויסלאָזען דעם פאַקט, אַז דער קאַפּיטאַליסט זוכט צו אינוועסטען זיינע קאַפּיטאַלען, עס איז גענוג פאַר אונז אָנצווייזען אויף דעם וואָס עס זיינען דאָ לענדער וועלכע זוכען מאַרקעטס, און וויא אויך וועגען דעם וואָס מיר זוכען אימער לענדער, גענוג אַלזאָ, דען מיר וועלען גאָר דאַרפען זעהן דאָרט צוריקצוהאַלטען דעם קאַפּיטאַל פון קאָנצענטרירען זיך אין אויסלענדישע פּריוואַטע הענד. —

י. גלאבוס מיינט, אז דער אין לאנד ענטוויקעלטער קאפי־טאל וועט קעמפפען געגען דעם מעטראפאלישען קאפיטאל, און דאמיט ווערט געבארען א נייע קראפט געגען דער מעטראפאלים.

דייטש ווייזט אן אויף טראנסוואל וואו ענגלאנדס קאפיטאל האט פערדרענגט דיא בורען — אב. גאלדבערג מיינט אבער אז דארט איז עס אזוי פארגעקומען וייל דיא בורען האבען צו זיך ניט געוואלט צולאזען ענגלישען קאפיטאל. מיר וועלען אבער יא צולאזען. —

פונקט 7, 8, 9 ווערען אנגענומען איינשטימיג.

דורכפיהרבארקייט פון טערר.

פונקטען 1, 2, 3 — איינשטימיג אנגענומען.

פונקט 4 וואלט ביינענסאן וועלען דורכווארפען ביז די פאר־טייען אין רוסלאנד וועלען נעהמען א שטעלונג צו דער פראגע, עס שטימען פאר דעם פונקט 17, דאגעגען 2.

זיטצונג ווערט אבגעלייגט ביז 12 ביינאכט צוליעב דעם וואס פיעלע דעלעגאטען זיינען אוועקגעפאהרען אין דיא ארומיגע שטעדט אלס רעדנער.

שלום דער זיצונג 8 אוהר.

---

## פרייטאג 12 אוהר נאכט.

### טשערמאן א. פייפמאכער.

עס פאלגט אונזערע בעציהונגען צו דער יט"א.

אב. גאלדבערג אנלייטער. —

אלע פונקטען ווערען איינשטימיג אנגענומען אלס „בעמער־קונג" צו דיא רעזאלוציאנען פערלאנגט בראכמאן צו צוגעבען. „מיר אונטערשטיטצען דיא רעאלע אקטען פון דער יט"א ווען זיי ווידערשפרעכען ניט אונזערע אנגענומענע פרינציפען.

ביינענסאָן פערשטעהט ניט דעם זינן פון דעם זאַטץ, „אַגיטאַציאָן אונטער דיא ברייטע אידישע מאַסען.“ ער מיינט, אויב אַלס ס. ט. דאן איז עס דאָך אונזער פליכט, אויב אַלס טעררריטאָריאַליסטען נור, דאַן ווייסט ער ניט אויב מיר האָבען דאָס רעכט דערצו.

ניומאַן איז דאַפיר דיא בעמערקונג איבער דעם כאַראַקטער פון יט"א ארויסצו־ווארפען, זיא דיסקרעדיטירט דיא יט"א אין דיא אויגען פון דער עפענטליכקייט. — שלאָגט דאהער פאָר: „מיר געהען אריין אין דער עקזיסטירענדער יט"א נעהמען אָבער אויף זיך קיין פעראַנטוואָרטליכקייט פיר איהרע טהאַטען אזוי לאַנג וויא זיא איז נאָך ניט קריסטאַליזירט געוואָרען.“ — נח מאָשקאָווסקי איז אויך געגען דאָס וואָרט פילאַנטראָפּישע.

פעלדבערג איז דער מיינונג, אַז דיא יט"א נאָך איהר קאָנסטיטוציאָן נאָך איז אַ דעמאָקראַטישע, דער לעצטער פאַקט, דיא ערנענונג פון דער געאָגראַפּישע קאָמיסיאָן, ווייזט אפילו אָן אויף איהר פילאַנטר. כאַראַקטער. אָבער איהר קאָנסטיטוציאָן איז אויף דעמאָקראַטישע יסודות, ווייזט אָן אויף רוסלאַנד וואו דיא יט"א איז געגרינדעט געוואָרען דורך דער מאַסע, דערזעלבער פאַקט אין לאָנדאָן. — ווילען מיר אַלזאָ שטעהען פון איהר פון ווייטען, וועט זיא בלייבען וויא זיא איז, אַ דעמאָקראַטישען כאַראַקטער וועט זיא נור דאַן בעקומען ווען מיר ווילען צו איהר זאָפאָרט צושטעהען. — י. גלאָבוס וויל עס זאָל הייסען אנשטאַט פילאַנטראָפּישע קאָמיטע פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער. גאָלדבערג שפּרעכט זיך אויס אויך אין גאַנצען געגען דעם אויסדרוק פילאַנטראָפּיע, ווייל דיא בורזשואזיע, נאָך אונזער מיינונג, שטעהט ניט צו צום טערר. צוליעב פילאַנטראָפּ. נור צוליעב איהרע נאַצ. וויא עקאָנאָמישע אינטערעסען. — בעמערקט אויך ביינענסאָנ'ען אַז אפילו דיא ס. ס. זיינען פיר אַגיטאַציאָן צווישען דיא ברייטע אידישע מאַסען, ציטירט זייער בעשלוס.

דיא בעמערקונג ווערט אָנגענומען מיט דער אומענדערונג

פהילאנטר. כאראקטער, ווערט אָבער צו איהר צוגעגעבען. „דיא
פארטיי פערפפליכטעט זיך אנצו־ווענדען דאָס בעסטע אויסצואיבען
איהר איינפלוס אויף דיא יט"א.

עס פאָלגט נאצ. פאָדערונגען אין גלות. איינלייטער גלאָבוס.

עס ווייזט זיך ארויס פיר אונמעגליך צו שטימען דיא רע־
זאָלוציאָנען צוליעב זייער שלעכטער רעדאקציאָן. עס ווערט דא־
הער בעשלאָסען דיא רעזאָלוציאָנען אויפ'ס־ניי צו רעדאקטירען. אי־
בערגעגעבען געוואָרען צום רעזאָלוציאָנן'ס קאָמיססיאָן. דיא דע־
באטען ווערען דאָך פאָרטגעזעצט.

גלאָבוס ערקלעהרט זיינע רעזאָלוציאָנען.— ער מיינט, אז די
נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע האָט ביי אידען קיין באָדען. איז ניט
ארויסגערופען געוואָרען דורך דיא רעאלע אינטערעסען פון דיא
אידישע ארבייטער מאססען, און האָט דאהער קיינע מעגליכקיי־
טען פערווירקליכט צו ווערען. מיר קענען זיין אין אמעריקא פרינ־
ציפיעל פאר נאציאָנאלע פאָדערונגען, מיר קענען זיי אָבער יעצט
ניט ארויסשטעלען. ווייל דיא אומגעבונג איז אסימילירט. דיא איבע־
ריגע נאציאָנען אין אמעריקא האָבען פאָרלויפיג אזעלכע פאָדערונ־
גען ניט ארויסגעשטעלט, און דיא דורכפיהבארקייט פון אונזערע
נאצ. פאָדערונגען וועט דאדורך זיין א זאך דער אונמעגליכקייט.

מיר דארפען אלזאָ פאָרלויפיג אומבייטען אונזערע נאציאָנאלע
פאָדערונגען אויף נאצ. טהעטיגקייט. וויא העלפען גרינדען אי־
דישע פאָלקס־שוהלען, טהעאטערע, שאפען א אידישע ליטעראטור
און א גוטע אידישע פרעססע.

ראזומאָווסקי. דער טעריטאָריאליזמוס, איז טאקע דער ראדי־
קאלסטער ענטפער אויף דיא יודענפראגען, ער פערשטעהט אָבער ניט
וויא אזוי נאצ. אויטאָנאָמיטע קען קומען אין ווידערשפרוך מיט
דעם טעריטאָריאליזמוס.

נח מאשקאָווסקי.— איז איינשטימיג מיט גלאבוס וועגען
נאציאָנאלע טהעטיגקייט, אין אמעריקא, איז אָבער ניט איינשטי־
מיג מיט איהם טהעאָרעטיש. דיא קולטורעללע נאצ. אויטאָנאָמיע

ביי׳ם אידישען פאָלק האָט ביי׳ם פערשווינדען, דער קהל פער־שווינדעט, עס זיינען פערשוואונדען דיא אומשטענדען ביי וועלכע זיי האָבען עקזיסטירט, אין רוסלאנד און אין גאליציען, האָט זיך ערשט אָנגעהייבען דער קאַמפף פאר אידישע זעלבסטבעשטימונג אין קולטורעלען און פאָליטישען זינן.

אומזיסט דענקט דעלעגאַט גלאָבוס, אז פאר א פאָלק וואָס איז א מינאריטעט איז אונמעגליך צו פאָרדערן א נאצ. אויטאָנאָמיע. ער, מאשקאָווסקי, זעהט ניט דיא אונמעגליכקייטען. עסטרייך בע־ווייזט דאָס געגענטהייל, אין רוסלאנד קעמפפען פאר דיזען פרינ־ציפּ אלע נאציאָנאַל בעוואוסטע פעלקער און גרופען. דיזעלבע פאָר־דערונג איז אויך ארויסגעשטעלט געוואָרען פון דיא ליבעראלע ציו־ניסטען און אידישע סאָצ. ארבייטער פארטייען.

גלאָבוס מיינט, דיא ארומיגע פעלקער, דיא פאָלאקען און רו־סען וועלען ניט דערלאָזען דיא אידען צו בעקומען נאצ. אויטאָנאָמיע, אויך מיינט ער וועט דער אידיש אססימילאטארישער טהייל זיין געגען דעם.

מאָשקאָווסקי דענקט אָבער, אז דאָס איז ניט גענוג גרונד צו פערוואַרפען דעם אויטאָנאָמען פרינציפּ, וועלבער קען אונז פיעל נוט־צען ברענגען אין עקאָנאָמישען פאָליטישען און קולטורעלען זינן. דאָס קען העלפען ארגאניזירען דאָס אידישע פאָלק און איהם פיהרען צום טער. וועלכע פערשפּרעכט אונז דיא פוללע זעלבסטשטענדיג־קייט.

דיא עסטרייכישע און טירקישע נאציאָנאַליטעטען, ניט קור־קענדיג אויף זייערע פיעלע שונאים, האָבען דאָך ארויסגעשטעלט זייערע נאצ. אויטאָנאָמיע פאָדערונגען און געקעמפפט פאר זיי. עס א׳ז אפילו אמת, אז אין אמעריקא איז נאָך פאָרלויפיג קיין שארפע נאציאָנאלע פּראָבלעמע ניטאָ. דאָס בעווייזט אָבער ניט אז עס וועט קיין מאָהל ניט זיין. אויף דעם זייט ים האָט דיא אמעריקאנער רעגיערונג שוין אמאָהל געהאט א צוזאמענשטויס מיט דיא פראנ־צויזען און דייטשען.

פאַרשלאג דעבאטען צו שליעסען. דיא רעזאָלוציאָנען וויעדער אריינצוגעבען צום רעז. קאָמיטע אין דער נעקסטער זיטצונג זיי פאָרלעזען. — דעבאטען געשלאָסען.

זיטצונג געשלאָסען 3 אוהר נאכטס.

---

שבת פריה.— 10 אוהר.

טשערמאן אויערבאך, וויס-טשערמאן צוקערמאן.

דיא רעזאָל. קאָמיטע ברייגנט אריין דיא רעז. וועגען אונזערע נאצ. פאָרדערונגען אין דיא גלות לענדער.

ראזומאָווסקי בעמערקט, אז דיא רעזאָל. האט א לאָגישען פעהלער, וויל וויא נאך דער רעזאָלוציאָן קומט אויס איז נאציאָנאלע טהעטיגקייט גראדע דער היפוך פון נאציאָנאלע פאָרדערונגען.

קרעמער איז ניט איינפערשטאנען מיט דער מיינונג אז נאציאָנאלע טהעטיגקייט זאָל בעטראכטעט ווערען אלס א מיטעל צום טעריטאָר. ענד-ציעל. וויל טערריטאָריאליזמוס איז נאָר א ענטפער אויף דיא עקאָנאָמישע לאגע פון אידישען פאָלק.

דיא אידישע מאססען ווערען מעהר נאציאָנאל בעוואוסט, און וואָס מעהר דיא ענטוויקלונג פון דיא מאססען געהט פאָרט, וועלען דיא פאָרדערונגען ארויסשפּראָצען וויא פון זיך. און אונזער אויפגאבע דארף זיין צו געהען נעגען דיא שטרעבונגען פון דיא אסימילאַטאָרען.

ער בעטראכט די נאצ. טהעטיגקייט אלס א זאך אן און פיר זיך, און אלס אזעלכע איז ער נעגען איהר, אין בעצוג אויף דער ענטוויקלונג פון דער יוד. שפּראך איז ער, אלס היסטאָרישערמאטעריאליסט נעגען, וויל די שפּראך איז עס דיעניגע וועלכע ווערט געשפּראָכען פון

פאָלק, אויף דער אידישער שפּראַך דיינקט דאָס פאָלק, עס איז אַלזאָ א לעבעדיגער פאַקטאר: א רעזאָלוציאָן אָנצונעהמען פאר א זאַך וועלכע לעבט פיר זיך איז לעבערליך.

מיללער וויל עס זאָל זיין אויסגעטייטשט וועלכע שפּראַך. ער איז ניט צופריעדען מיט דעם וואָס אין דיא רעזאָלוציאָנען איז ניט דערמאָהנט געוואָרען וואָס מען מיינט מיט נאַציאָנאַל־פּאָליטישע טהעטיגקייט.

ראַזומאָווסקי איז איינפערשטאַנען מיט דער טעכנישער זייטע פון דיא רעזאָלוציאָנען. ער איז אָבער געגען דעם שטאַנדפּונקט וואו דיא נאַציאָנאַלע טהעטיגקייט און ארבייט אין די גלות לענדער ווערט ניט בעטראַכטעט אלס וויכטיג, אן און פיר זיך. נור אלס א מיטעל צום ציעל.

ער מיינט אז נאַצ. ארבייט איז אן און פיר זיך וויכטיג, וויל מיר זיינען נאַציאָנאַליסטען.

גאָלדבערג ענטפערט איהם אָבער, אז טעכניש דארפען דוקא דיא רעזאָלוציאָנען געענדערט ווערען, דער שטאַנדפּונקט מיינט ער אָבער איז א ריכטיגער. ער , ארויסגעהענדיג פון'ם שטאַנדפּונקט פון'ם פּאָליטישען ציוניזמוס, דענקט אז דיא נאַציאָנאַלע ארבייט אין דיא גלות־לענדער האָט אן און פיר זיך קיין ווערטה, צוליעב דער אונגאָרמאַלער לאַגע פון דעם אידישען לעבען. וויא אויך צוליעב זיין צוקונפטסלאָזיגקייט אין גלות. דער טעררעטאָריאַליזמוס אָבער, וועל־כער פערזיכערט דעם אידישען פאָלק א צוקונפט, רופט ארויס דיא נויטהיגקייט פון נאַציאָנאַלע ארבייט אין דיא גלות־לענדער אלס א פּאַלאַטיוו, אלס געגענוואַרטס ארבייט אין דיא גלות־לענדער. ער מאַכט אויפמערקזאַם, אז אין דיא רעזאָלוציאָנען איז אויך אנגע־מערקט געוואָרען דיא נאַצ. ארבייט אלס א זאַך אן און פיר זיך.

דז. גלאַבום מיינט אז עס איז אן עולה וואָס דיא רעזאָלוציאָנען רעדען גאָר ניט וועגען דעם טהייל פון דעם אידישען פאָלק, וועלכער וועט בלייבען אין דיא גלות־לענדער, און וועלכער וועט ניט עמיג־רירען אין דאָס נייע לאַנד.

ער שלאָגט דארום פאָר איינשליסען א רעזאָלוציאָן, וואָס זאָל אויסדריקען אונזער שטעללונג צו יענעם טהייל פון דעם יוד. פאָלק. ער איז אויך ניט צופריעדען מיט דעם וואָס דיא רעזאָלוציאָנען דער־מאָהנענדיג שוהלען אלס אגיטאציאָנס מיטעל, זאָגען ניט אויס בפירוש וועלכע שוהלען. דיא רעזאָלוציאָן האָט געזאָלט, מיינט ער, בפירוש אויסדריקען העכערע און ניעדריגערע פאָלקס־שוהלען.

ער וואָלט אויך וועלען אז א רעזאָלוציאָן זאָל צוגעגעבען ווערען אז מיר פארנעהמען אונז מיט דער ענטוויקלונג פון ערד־ארבייטער אין דיא גלות־לענדער. דאָס וואָלט אונז געקענט העלפען שאפען פיאָנערען פיר דאָס אידישע לאנד. ער אמענדירט דאהער, אגריקול־טורעלע שוהלען.

י. גלאָבום ענטפערט קרעמערן אז מיט דעם וואָס ער גלאָ־בום האָט געזאָגט אז נאציאָנאַליזמוס איז אַ מיטעל צום ציעל, האָט ער געמיינט אז דער פראָצעס איז אַ אינדירעקטער, דורך דאָס ערהייבען פון דעם נאציאָנאַלען בעוואוסטזיין, וואקסט ממילא דאָס בעדירפנים נאָך אַ זיכערע היים. — ער שטעהט פיר דער ענטוויקלונג פון דער שפּראַך, צוליעב דעם וואָס דיא לעצטע ווערט געשטערט פון דיא אומשטענדען, דיא אומגעבונג, און נייטיגט זיך דאהער אין אַ געגען־קראַפט.

בראכמאן איז איינשטימיג מיט דעם גייסט פון דיא רע־זאָלוציאָנען, ער שטעהט אויך אויף דעם ציונ. שטאַנדפונקט אַז ביי אונז איז דער צוועק דאָס אידישע פאָלק, ניט דיא איינצעלנע אידען, דיא רעזאָלוציאָן וועגען דער שפּראך דיינקט ער, איז ניט בעטראַכטעט געוואָרען פון דעם פּראַקטישען שטאַנדפונקט, מען האָט ניט אין אַכט גענומען דיא פּראַקטישע דורכפיהרבארקייט פון דער רעזאָלוציאָן, — ווייל דער אמת איז, אַז דאָס לעבען אססימילירט דיא אידישע שפּראך און ליטעראטור, דער אמעריקאַ־ניזירונגס פּראָצעס וועלכער געהט דאָ אזוי שטאַרק פאָר, שטופּט פּראַקטיש אַרויס דיא אידישע שפּראַכע און ליטעראַטור אין לעבען, און זיי שפּיעלען נור אַ ראָלע ביי דעם עמיגראַנטען אזוי לאַנג וויא

דער לעצטער איז נאָך ניט בעקאַנט מיט דער אַמעריקאַנער שפּראַך און ליטעראַטור, אַזוי שנעל אָבער וויא ער ערלערנט דיא ענגלישע שפּראַך און ליטעראַטור פון אַמעריקאַ, פערבייט ער אויף איהר זיי אידישע. ער איז דאַרום איינפערשטאַנען מיט דער רעזאָלוציאָן. נור אין פּרינציפּ, זעהט אָבער ניט קיינע מעגליכקייטען עס דורכ־צוזעצען אין לעבען. —

א פּאָרשלאַג ווערט געמאַכט עס אַן בלאָק צו שטימען, עס שטימען דאַפיר 12, דאַגעגען 6. —

דז. גלאָבום שלאָגט פאָר צו פּאַסען אַ רעזאָלוציאָן, אין בעצוג צו דיא אין גלות פערבליעבענע אידען, עס שטימען 10 דאַפיר, 13 דאַגעגען. דז. גלאָבום שלאָגט פאָר צו קאָריגירען „העכערע און ניעדעריגערע שולען.“ דאַפיר 10, דאַגעגען 7.

פּאָרשלאַג פון דז. גלאָבום צו שטיצען מאָראַליש דיא אידישע עמיגראַציאָן פון שטאָדט און לאַנד. עס שטימען 10 דאַפיר 14 דאַגעגען.

פּאָרגעשלאָגען צו שטיצען אַגריקולטור שוהלען 16 דאַפיר 6 דאַגעגען.

א. בראַכמאַן לעזט פאָר רעזאָלוציאָנען:

„אונזערע בעציהונגען צו דיא ס. ס.“

עס עפענט זיך אַ דעבאַטע. רעדע־צייט 5 מינוטען.

דעל. פעלדבערג איז געגען דיא אננאהמע פון דיא פאָרגע־לייגטע רעזאָלוציאָן, ווייל דאָס וועט אונז אויסשליסען דיא מעג־ליכקייט אריינצוטרעטען אין פערבינדונג מיט דיא איבעריגע סאָצ. מער. פּאַרטייען. ער איז פּרינציפּיעל געגען פינאַנצ. שטיצע צו אויסלענדישע פּאַרטייען. דאָס געלד זאָגט ער, קענען מיר פיר אונ־זער פאַרטיי פערווענדען.

בעקער איז דער מיינונג אַז מיר זאָלען אונז ניט רעכענען מיט רוסלאַנד, ווייל אונזער פּאַרטיי איז אַ זעלבסטשטענדיגע. און מיר זיינען געגען אירגענד וועלכע אונטערשטיצונגס פּלאַן. מיר קענען בלויז זיין פאַר אַ געגענזייטיגע אונטערשטיצונג.

דעל. אלבערט זאגט אז מיר זיינען צוגעבונדען צו דיא ס. ס. אין רוסלאנד מיט ליעב און לעבען, איז דאפיר נור דיא ס. ס. צו שטיצען, ווייל זיא איז דיא שטארקסטע פארטיי אין דעם איר דישען ארבייטער לאגער. און ווערט אויך אלס אזעלכע אנערקענט פון דיא אידישע מאסען. דיא אנדערע סאצ. טער. פארטייען, בע־טראכט ער נאר אלס קלייזלאך.

ראזומאווסקי איז ניט איינפערשטאנען מיט דער מיינונג אז דיא ס. ס. זיינען א נאציאנאלע פארטיי, דער עצם פון זיי זאגט ער איז א נאציאנאלער, זיי זיינען אבער ניט נאציאנאליסטיש. ער וויל פאר קיין פאל ניט אנערקענען אז דיא ס. ס. האבען אם ריכטיג־סטען אויפגעפאסט דיא לעזונג פון דער פראבלעם פון דיא איד. ארבייטער מאסען.

דעל. ניומאן לייקענט אב דעם נאציאנאליזמוס פון דער ס. ס. פראגראם, דאס גאנצע פראגראם פון ס. ס. איז נאר געבויט אויפ'ן קלאסענקאמפף. ווערענד מיר זיינען פיר דיא בעגרינדונג פון'ם טערריטאריאליזמוס אויך אויפ'ן נאציאנאלען פאקטאר ניט בלויז אויף דעם עקאנאמישען.

טוביה קרעמער דיינקט אז מיר זיינען זעהר נאהענט צו דיא ס. ס. מיט דעם וואס אונזער פראגראם האט אן עקאנאמישע מא־טער. אונטערלאגע. דיא ס. ס. אנערקענען אויך דעם נאציאנאלען מאמענט, מיט דעם וואס זיי ווילען אויך צוציהען דיא איבעריגע קלאסען אלס אנטהייל נעהמער אין דער בעפרייאונג פון דעם איד. פאלק.

י. גלאבום וויל מען זאל ניט מיינען אז מיר זיינען פאלשטענ־דיג איינפערשטאנען מיט דיא ס. ס., ער אנערקענט אבער אז דיא פארטיי האט ריכטיג אויפגעפאסט דיא נאצ. פראבלעם פון דיא איד. מאסען. דיא מינסקער איז בלויז א שטרעמונג פון דער ס. ס. פארטיי, אבער פאר קיין פאל א זעלבסטשטענדיגע פארטיי.

ביינענסאן מיינט אז פינאנציעלע הילפע איז ניט וויכטיג,

מאַראַלישע קענען מיר ניט געבען. דיא מינסקער וועלען זיך ענדליך מוזען פעראייניגען מיט דיא ס. ס.

מיללער איז געגען דיא אויסדריקע „ערשטע" און „איינציגע פּארטיי". רעקאָמענדירט זיי אַרויסצוואַרפען. דאַן דיינקט ער וועלען אַלע דעלעגאַטען קענען שטימען פיר איהר, ווייניגסטענס א גרויסע מאַיאָריטעט.

אב. גאָלדבערג מיינט אז דיא שטעלונג איז דאַ א פּרינציפּיעלע, און דיא רעזאָלוציאָן דאַרף דאָ גאַר ניט צופריעדענשטעלען אַלע דעלעגאַטען. אונזער פּראָגראַם איז ניט צונויפגעשטעלט פון קאָמפּראָמיסען, נור דער צושטימונג פון א מאַיאָריטעט. שלאָגט אָבער פאַר דיא רעזאָלוציאָן צו קאָריגירען. ער שלאָגט פאַר א מאַדוס.

פּאָרשלאַג שליעסען די דעבאַטע, 12 דאַפיר 14 דאַגעגען. דער מאַדוס ווערט געשטעלט צו דעבאַטירען.

שניאור איז איינפערשטאַנען מיט דעם מאַדוס, ער איז אָבער דאַפיר אַז פריהער פאַר אַלץ זאָלען אָנגענומען ווערען אַלגעמיינע רעזאָלוצ. וועגען אַלע סאָצ. טער. פּאַרטייען.

דז. גלאָבוס איז געגען דעם אויסדרוק „סאָלידאַריש מיט ס. ס." ווייל דאָס הייסט בעשטעטיגען זייער פּראָגראַם.

אייבראַהאַמס האָט אויך מורא אַז מיט דער רעזאָלוציאָן ערקלערט מען זיך איינפערשטאַנען מיט דעם פּראָגראַם פון דיא ס. ס. דעבאַטע געשלאָסען.

ראַזומאָווסקי שלאָגט פאָר, עס זאָל הייסען „סאָלידאַריש מיט דיא סאָצ. טער. פּאַרטייען."

פּאָרשלאַג עס איבערצוגעבען דער רעזאָל. קאָמ. דאַפיר 27, דאַגעגען 4.

א פּאָרשלאַג ווירד געמאַכט, צו פאַססען א רעזאָלוציאָן אַז מיר זאָלען ארבייטען פיר דיא פעראייניגונג פון אַלע ס. ט. פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט.

אָנגענומען איינשטימיג.

דיא רעזאָלוציאָן איבער ס. ס. ווערען געבראכט צור אבשטי־מונג. עס שטימען פיר זיי 20, געגען זיי 5.

שניאור שלאָגט פאָר דיזעלבע רעזאָלוציאָנען פיר דיא מינס־קער ס. ט. פ"צ.

א פאָרשלאָג ווערט געמאכט צו שליסען דיא דעבאטען. — שניאור בעשולדיגט דעם טשערמאַן אין פאָליטיקס א. ז. וו.

עס ענטשטעהט א טומעל, שניאור ווירד אויפגעפאָרדערט זיין בע־שולדיגונג צוריק צוציהען. שניאור ענטזאגט זיך. עס ווערט בעשלאָסען דיא גאנצע בעשולדיגונג צו איגנאָרירען.

א פאָרשלאג ווערט געמאכט דיזעלבע רעזאָלוציאָנען אנצונעהמען פאר דיא ס"פ.— א טומעל ענטשטעהט. קרעמער אפעלירט צו דיא ס. ס. זיך צוריקצוציהען צו בעראטונג. טשערמאן ערקלערט, אז דער אפיעל איז איבעריג, ווייל דיא ס. ס. ווען זיך ממילא נאכדעם צוריקציהען. דע־לעגאט שטיינבערג בעשולדיגט דעם טשערמאן אין בודעל. עס ווערט וויי־טער א טומעל. אלע דעלעגאטען פראָטעסטירען. שטיינבערג ציהט צוריק דאָס וואָרט. זיטצונג ווירד געשלאָסען 2 אוהר.

---

## 3 אוהר זיטצונג.

טשערמאַן אב. גאָלדבערג, וויס טשערמאַן צוקערמאַן.

טשערמאַן רעקאָמענדירט, אז דיא רעזאָלוציאָנען וועגען דיא ס. פ., ס. ל. פ., טרייד יוניאָניזם און אינדאָסטריאַליזם זאָלען אי־בערגעגעבען ווערען צו דער רעזאָלוציאָן'ס קאָמיססיאָן.

ראזומאָווסקי שלאָגט פאָר אז עס זאָל איבערגעגעבען ווערען דעם צוקינפטיגען א. ק. אויסצואַרבייטען דיא רעספעקטיווע רע־זאָלוציאָנען און זיי איבערצוגעבען פיר א רעפערענדום וואוט צו

דיא פעראיינען. א צווייטער פארשלאג ווערט געמאכט אז נאר דיא רעזאלוצ. וועגען ס. פּ. און ס. ל. פּ. זאלען איבערגעגעבען ווערען צום א. ק.

עס ווערט בעשלאסען דיא פראגע וועגען ס. פּ. און ס. ל. פּ. איבערגעבען דעם א. ק.; דיא רעזאלוציאנען וועגען דיא יסא"פ און יטא"פ איבערצוגעבען דער רעזאלוציאן'ס קאמיססיאן.

עס פאלגט ארגאניזאצ. סטאטוט.

א. פייפמאכער, סעקרעטער, לעזט פאר די ארגאניזאציאנס סטאטוטען. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעל. ראזומאווסקי איז געגען דעם צענטראליזירענדען כאראקטער פון דיא סטאטוטען.

א קארעקשאן ווירד אריינגעבראכט אנשטאט „איינשטימיג מיט אונזער פלאטפארם" זאל עס הייסען „מיט דיא הויפט פרינציפען".

דעל. קרעמער דענקט אז עס איז זעהר א וויכטיגער פונקט, דער גרונדשטיין פון אונזער סטאטוט, ער בעשטעהט דורכאויס אויף „פלאטפארם" און ניט בלויז הויפט פרינציפען.

נאדלער, וויל מען זאל ארויסזאגען וועלכע עס זיינען דיא הויפט פרינציפען.

צוקערמאן וויל דורכאויס אז עטוואס זאל דא געענדערט ווערען, ער וואלט פערלאנגען אזא סארט אויסדרוק וועלכער זאל מעגליך מאכען דעם אנשלוס אין אונזער פארטיי פון אזעלכע פערזאנען וואס זיינען אפילו מיט איינינע פונקטען פון אונזער פלאטפארם ניט איינשטימיג. ער דענקט דאהער אז דיא קארעקציאן „הויפט פרינציפען" וועט זיין דער ריכטיגער אויסדרוק.

קאמאראוו קארעגירט: „דער וועלכער ערקלערט זיך אלס סאציאליסט טעריטאריאליסט".

מישקאווסקי דיינקט אז דער פאסענדסטער אויסדרוק וועט זיין: „יעדער, וועלכער ערקלערט זיך אלס סאצ. נאצ."

אב. גאָלדבערג ערקלערט, אז דער אויסדרוק „פלאטפארם" מיינט שוין ממילא „הויפּט פרינציפּען", און עס איז ניט נויטיג עס אויסצושרייבען, אין אלע פּארטייען ווערט געברויכט דיעזער אויסדרוק.

עס ווערט אָנגענומען: „דיא פרינציפּען פון פּלאטפּאָרם".

עס פאָלגט דיא אבשטימונג פון אבטהיילונג 2, פון'ם אָרג. סטאטוט. — פונקטע 1, 2, 3, 4, 5, ווערען איינשטימיג אָנגענר מען. עס ענטוויקעלט זיך א דעבאטע איבער פונקט 6 וועלכער ער־לויבט קיין פעראיין זיך אָנשליסען אין אנדערע פּארטייי.

דעל. צוקערמאַן דיינקט, אז פונקט 6 מוז אָנגענומען ווערען, ווייל מיר האָבען אָנגענומען פרינציפּען איבער וועלכע אלע זיינען איינשטימיג.

דעל. מעדאָוויניק מעלדעט אז אויב פונקט 6 ווערט אָנגענר מען, דאן זיינען זיי, דיא ס. ר. ט. דעלעגאטען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען פון דער קאָנווענשאָן, ווייל זייער פעראיין איז פער־בונדען מיט דער סאָצ. רעוו. פּארטיי.

דעל. ראזומאָווסקי איז דער מיינונג, אז דיא ס. ר. ט. דע־לעגאטען האָבען קיין רעכט ניט געהאט צו שטימען פיר אן אל־געמיינע פּלאטפארם, אזוי לאנג וויא זיי זיינען געקומען מיט איינע פאר זיך אויסגעארבייטעטע פּלאטפּארם.

דיא קאָנוועגשאָן איז אונצופריעדען מיט דער האנדלונג פון דיא ס. ר. ט. און דריקען עס אוים דורך מאסען פּראָטעסטען.

פונקט 6 ווערט געבראכט צור אבשטימונג און ווערט אָנ־גענומען.

דיא ס. ר. ט. דעלעגאטען ציהען זיך צוריק פון דער זיצונג פיר א בעראטהונג.

פונקטען 7, 8, 9 אָנגענומען.

פונקט 10 וואָס פערביט איינצעלנע פעראיינען ארויסצוגעבען ליטעראטור אָהן דיא ערלויבנים פון צ"ק רופט ארוים דעבאטען.

ראזומאָווסקי דיינקט אז אזא בעשלוס וועט טויטען דיא איניציאַטיווע פון די פעראיינען און אגיטאַציאָן און פראָפּאַגאנדאַ.

דער פונקט ווערט געבראכט צור אבשטימונג. איינשטימיג אָנ־גענומען.

אבטהיילונג 3, פונקטע 1, 2, 3, 4 און 5 איינשטימיג אָנ־גענומען. ביי פונקט 6, קומט ארויס בעקער מיט א רייהע פון רע־זאָלוציאָנען אָנגענומען אויף א גענעראל פערזאמלונג פון אלע חברים פון ניו־יאָרק. — איינע פון דיא הויפט רעזאָלוציאָנען איז, אז דער ניו יאָרקער צ"ק זאָל שיקען צוויי פערטרעטער אין א. ק. בראכמאן בעמערקט איהם אז דיא קאָנטרי וועט עס קיינמאָל ניט צולאָזען. — פונקט 6 ווירד אָנגענומען מיט דעם אמענדעמענט: עס בלייבט 5 אין קליינעם א. ק. 6 פיר דער פּראָווינץ.

דיא ס. ר. ט. ערשיינען ווידער און ערקלערען אז זיי האָבען בעשלאָסען זיך צוריקצוציהען.

בראכמאן שלאָגט פאָר דיא רעזיגנאַציאָן אָנצונעהמען. עס ענטשטעהט א דעבאטע. — דיא דעלעגאטען פון ס. ר. ט. מעלדען אז זיי ווילען זיך נאָך א מאָל בעראטהען. דיא דעבאטען ווערען היערמיט ערלעדיגט.

זיטצונג ווערט אויף א קורצע צייט אויפגעלעזט — עפענט זיך באלד ווייטער אויף.

עס לויפען איין בעגריססונג'ס טעלעגראמען: פון פועלי־ציון בר. 1 נויאָרק. נאָרד ברענטש 2 שיקאגא, א טעלעגראמע פון יוסף באראנדעס, ניו־יאָרק.

עס ווערען געשטעלט צור אבשטימונג דיא סטאטוטען וועגען דעם צוזאמענפאָהר אלע פונקטען איינשטימיג אָנגענומען.

א רעקאָמענדיישאָן ווירד אריינגעבראכט פון פילאד. בר. אז יעדער פעראיין פון 25 חברים זאָל מעגען שיקען צוויי דעלעגאטען צום צוזאמענפאָהר. פאָרשלאג דורכגעפאלען. עס האנדעלט זיך וועגען דיא פראגע פון דאָס רעכט פון א. ק. צו קאאפּטירען מיטגלידער

פיר דעם זעלבען. א. פייפמאכער שלאגט פאר דער א. ק. זאל האבען דאס רעכט צו קאאפטירען צוויי מיטגלידער.

עס ווערט אמענדירט אז דיא צוויי קאאפטירטע זאלען האבען א שטימונגס רעכט, זיי זאלען עס אבער ניט האבען אויף דעם צוזאמענפאהר פון גרויסען צ. ק. איינשטימיג אנגענומען.

## ראיאנער צוזאמענפאהר.

בעשלאסען צו צוטהיילען דיא ארגאניזאציאן אויף 6 ראיאנען מיט 1 פארשטעהער פיר יעדען, עס בלייבט פיר יעדעם ראיאנען פארשטעהער דאס רעכט צו קאאפטירען איינעם אין יעדער שטאדט פון זיין ראיאן, מיט דער צושטימונג פון צ. ק. — דער ארגאניז. סטאטוט אן בלאק אנגענומען.

בעשלאסען דער א. ק. זאל ארויסגעבען פארטיי ביכלאך פיר פארטיי דיוס.

פארשלאג אריינגעבראכט פון דעל. פעלדבערג אז דער א. ק. זאל ארויסגעבען פראטאקאל ביכער פיר אלע פעראיינען, און דיא זעלבע זאלען דעם א. ק. צוגעשטעלט ווערען 2 מאנאט פאר דער קאנוועגשאן. — אנגענומען.

מיללער שלאגט פאר צו פערעפענטליכען אין דרוק פארם דיא פראטאקאלען פון דער קאנווענשאן. — אנגענומען.

דעל. ניומאן, וועלכער פערטרעט דיא מינסקער ריכטונג, בעט דאס רעכט אריינצוגעהן אין רעזאל. קאמיטע און העלפען אויסארבייטען דיא רעזאלוציאנען וועגען אונזער שטעלונג צו דיא מינסקער פ"צ. — בעוויליגט.

## אגיטאציאן און פראפאגאנדא.

א. פייפמאכער מיינט, אז פיעלעס וואלט געקענט אויפגעטהאן ווערען ווען מיר וואלטען האבען 25 חברים זיי צו שיקען אין דער פראווינץ. חברים וועלכע זאלען זיך אנבאטען פרייוויליג זיך צו שטעלען פיר א געוויסע צייט צו דיענסטען פון דער פארטיי, זיי עס מיט זייער אגיטאציאנס אדער ארגאניזאציאנס קראפט.

צוויי פערזאָנען זאָלען אנגעשטעלט ווערען, איינער פיר אגיטאַציאָן אין דער פּראָווינץ, און איינער פיר ניו־יאָרק און אומ־געגענד.

בראַכמאַן טראָגט אריין פאָלגענדע פאָרשלעגע:

1) רעקאָמענדירען די פעראיינען צו עפענען קלאָבס אין זייערע רעספּעקטיווע שטעדט, אַ קלאָב־רום, מיינט ער איז זעהר אַ וויכ־טיגע אינסטיטושאָן, און אַ גוטער מיטעל פיר אגיטאַציאָן און פּראָ־פּאַגאַנדאַ.

2) רעקאָמענדירען דיא פעראיינען, אַלע זייערע געשעפטס־אנגעלעגענהייטען איבערצוגעבען זייערע עקזעקוטיווע, און דיא פערזאַמלונגען אויסנוטצען פיר טהעאָרעטישע פערהאַנדלונגען און דיסקוסיאָנען. —ביידע פאָרשלעגע אָנגענומען.

פעלדבערג שלאָגט פאָר צו עפענען אַ מין רעדנער גרופּע.— אָנגענומען.

זיטצונג ווערט געשלאָסען 10 אוהר, אלע דעלעגאטען ווערען איינגעלאַדען צום באנקעט, וואָס איז פעראנשטאלטעט געוואָרען פון באָסטאָנער ארגא־ניזאציאָן לכבוד דיא דעלעגאטען.

---

## זיצונג שבת אַבענד 12.30.

טשערמאַן, אַב. גאָלדבערג.

אויף דיא טאָגעס־אָרדנונג איז וואהלען פיר צ. ק.

דער פּערמאַנענץ אויסשוס רעקאָמענדירט פאָלגענדע פּערזאָ־נען אין צ. ק. נויאָרק פיר הויפּטזיץ.

1) אַ פייפמאַכער, סעקרעטער
2) אַב. גאָלדבערג,
3) יהודה גלאבוס,
4) ל. פייפמאַכער,
5) ירחמיאל אויערבאך.

פיר דער פּראָווינץ :

1) אַלעקסאַנדער בראַכמאַן, פילאַדעלפיא,
2) מ. ראַזומאָווסקי, שיקאַגאָ,
3) א. גאַרבער, קליוולאַנד,
4) א. קאַמאַראָוו, מאָנטרעאַל,
5) ש. שניאור, באָסטאָן.

דער פּערמאַנענץ אויסשוס ערקלעהרט, אַז צוקערמאַן איז גע־וועזן פאָרגעשלאָגען פיר פילאַדעלפיא, האָט אָבער זיך ענטזאגט דיא נאָמינאַציאָן אָנצונעהמען. ניט זעהענדיג קיין וויכטיגען צענטער אויסער דיא אויבען אויסגערעכענטע, פיר וועלכע מען זאָל דאַרפען בעשטימען אַ מיטגליעד אין צ. ק. רעקאָמענדירט דער פּערמאַנענץ אויסשוס צו לאָזען איין וויקאַנסי פיר דיא פּראָווינץ און דיא אויספיללונג פון דערזעלבען איבערצוגעבען דעם צ. ק.

א פאָרשלאַג ווערט אריינגעטראָגען א. פּייפּמאַכער צו ער־וועהלען איינשטימיג אַלס סעקרעטער פון דער פּאַרטיי ביז צור נעקס־טער קאָנוועֶנשאָן.— פאָרשלאַג אָנגענומען. א. פּייפּמאַכער ווערט איינשטימיג ערוועהלט אַלס סעקרעטער פון דער ס. ט. פּאַרטיי פון אַמעריקאַ.

דיא קאָנוועֶנשאָן נאָמינירט פיר ניו יאָרקער צ. ק.

1) יואל סלאָנים,
2) א. ביינענסאָן,
3) י. נאַדלער.

נאָמינײשאָן ווערט געשלאָסען.

בעשלאָסען דיא שטימונגס־פאָרם זאָל זיין א געהיימע. — עס ערעפענט זיך דיא דעבאַטע וועגען דיא נאָמינירטע קאַנדידאַטען.

אין צייט פון דיא דעבאַטען ציהען צוריק זייער קאַנדידאַטור דיא דעלעגאַטען י. נאַדלער און א. ביינענסאָן. — נאָך א לאַנגער דעבאַטע פאָלגט דיא אַבשטימונג.

אב. גאָלדבערג, 30; י. גלאבוס. 30; י. אויערבאך, 24; י. סלאַ־נים, 17; ל. פייפמאַכער, 16. ערוועהלט אב. גאָלדבערג, י. גלאבוס, י. אויערבאך, י. סלאַנים.

דיא אבשטימונג איבער דיא פּראָווינץ קאנדידאטען איז א אָפענע, אָהנע דעבאטען.

1) בראכמאן, איינשטימיג; 2) מ. ראזומאווסקי, 27 דאפיר, 3 דאגעגען; 3) א. גארבער, 20 דאפיר, 1 דאגעגען; 4) א. קאמאראוו איינשטימיג; 5) ש. שניאור, איינשטימיג.

טשערמאן פיר נעקסטע זיצונג צוקערמאן.

וויים־טשערמאן, ראזומאווסקי.

זיטצונג געשלאָסען 4 אוהר מאָרגענס.

---

## זיצונג זאָנטאג 11 אוהר פארמיטאג.

צוקערמאן, טשערמאן. ראזומאווסקי, וויים־טשערמאן.

בעגריסונגס טעלעגראמען ערהאלטען פון ברוקלינער פּ. צ.

אויף דער טאגעס אָרדנונג איז: *)

בעריכט פון „דאָס פאָלק“.

א. פייפמאכער בעריכטעט: אז „דאָס פאָלק“ איז ארויסגע־געבען געוואָרען פון פילאד. אָרגאניזאציאָן און איז ניט געווען מיט דעם וויסען פון א. ק. נאכדעם וויא 3 נומערן זיינען ערשיענען האָט דיא פילאד. פּ. ק. מיטגעטהיילט אז זיי זיינען בערייט איבערצור־געבען „דאָס פאָלק“ צום פאָרקאָנפערענץ. „דאָס פאָלק איז דאן געוואָרען דאָס אייגענטהום פון דער אָרגאניזאציאָן. דער א. ק. האָט אהין געשיקט זיינעם א מיטגליעד חבר ל. פייפמאכער צו לייד

---

*) אזוי וויא דיא זיצונג איז געווען א געשלאָסענע, גיעבען מיר נור איבער דיא פאקטען וועלכע מען קען פערעפענטליכען.

טען מיט דער צייטונג אין פילאדעלפיא. נאָך דעם ערשיינען פון'ם 7טען נומער האָט ל. פייפמאַכער מיטגעטהיילט אז דיא צייטונג קען ווייטער ניט ערשיינען אין פילאדעלפיא. דער א. ק. האָט דאָס גענומען אין אכט און מיט דער צושטימונג פון דער פילאד. אדמיניסטראציאָן איז בעשלאָסען געוואָרען דיא צייטונג צו טראנספּאָרטירען נאָך נויאָרק. דיעזע האנדלונג האָט גערעטעט „דאָס פאָלק" פון באלדיגען אונטערגאנג. אלעס מעגליכסטע איז אָנגעווענדעט געוואָרען פון א. ק. צו ערהאלטען דאָס פאָלק ביים לעבען. צירקולארען זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען צו דיא פעראיינען, וועלכע האָבען זיי דערצעהלט פון דער לאגע פון „דאָס פאָלק". דיא פעראיינען האָבען געטהאָן זייער בעסטעס, און דיא צייטונג האָט דאָך געמוזט אויפגעגעבען ווערען נאָך דעם ארויסגאנג פון דעם 22טען נומער.

עס פאָלגט דאן דער פינאנציעלער רעפּאָרט.

## עס פאָלגט קריטיק איבער „דאָס פאָלק".

מיללער גיט צו אז ל. פייפמאכער, א. פייפמאכער און אב. גאָלדבערג האָבען געארבייטעט פיר „דאָס פאָלק" מיט אלע זייערע קרעפטען אָבער דיא נויאָרקער חברים זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דעם אריבערנעהמען פון „דאָס פאָלק" נאָך ניו־יאָרק. בעשולדיגט דעם א. ק. אין צופיעל אידעאליזמוס און וויניג ביזנעס פעהיגקייט. האלט פיר א גרויסען פעהלער וואָס דיא רעדאקציאָן איז ניט געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דער פארטיי.

בעקער בעוואונדערט פשוט דיא איבערגעבענהייט פון דיא חברים ל. פ"מ און א. פ"מ, קאָנסטאטירט דעם פאקט אז דיא חברים פון ניו־יאָרק זיינען יא געווען צופריעדען מיט דער האנדלונג פון א. ק. אין איבערנעהמען פון דיא צייטונג נאָך ניו־יאָרק. בעשולדיגט דעם א. ק. אין אונערפאהרענהייט.

קרעמער איז אונצופריעדען וואָס מען האָט איהם פערצאמט דעם וועג פאר א ברייטערע קריטיק. ער וואָלט געוואָלט ארויפ־

וואַרפען דיא גאַנצע שולד אויף דיא פילאַדעלפיער, נאָר אזוי וויא דיא קריטיק איז דאָ נור צום א. ק. האָט ער ניט וואָס צו זאָגען.

ביינענסאָהן איז אויך דער מיינונג אז דיא פיהרער פון דער אָרגאַניזאַציאָן זיינען קיינע געשעפטס־לייטע.

נאַדלער מיינט, אז דער א. ק. האָט שלעכט געהאנדעלט מיט דיא פּראָווינץ פעראיינען. זיינען קיין מאָל צוגעצויגען געוואָרען צור בעראטהונג און שטענדיג אויפגעפאָדערט געוואָרען נאָך געלד. ער איז אונצופריעדען מיט דער רעדאַקציאָן. דיא צייטונג האָט ניט געהאַט קיין פּאַרטהייאישען פּרינציפּיעלען געשטאַלט.

א. פּייפּמאַכער האָט דאָס לעצטע וואָרט.

ער פערטהיידיגט דעם א. ק. געגען דיא אַלע אויבען געמאַכטע אַנגריפע. ער מיינט, אז דיא צייטונג איז טאַקע ארויסגעגעבען געוואָרען צוליעב אידעאַל, ניט לשם געשעפט, און דיא קריטיק אַלזאָ, וועלכע איז געזאָגט געוואָרען געגען א. ק. אז ער איז געווען צו אידעאַליסטיש איז פּאַלש, ער ווייזט אויך אויף, אז פיר דעם א. ק. איז געוועזן אונמעגליך צוריקצוהאַלטען דיא פּהיל. אָרגאַניזאַציאָן פון ארויסצוגעבען דיא צייטונג.

דעם בעשלוסס איבערצונעהמען „דאָס פּאָלק“ פון פּהילאַד. אָרגאַניזאַציאָן אויף’ן חשבון פון דער ארגאַניזאַציע איז ניט געווען פון א. ק., נור פון דער פּאַרקאָנפערענץ — ער מיינט, אז דיא צייטונג האָט ניט געקאָנט האָבען קיין בעסערע פּהיזיאָנאָמיע. זיא האָט ריכטיג רעפּרעזענטירט דיא ארגאַניזאַציאָן. און אויב א צייטונג, א פּאַרטיי אָרגאַן האָט ווען עס איז יא רעפּרעזענטירט דיא אָרגאַניזאַציאָן איז עס געווען דאָס פּאָלק, ווייל זיא האָט געהאַט דיא זעלבע פיזיגאָמיע וויא דיא פּאַרטיי.

דיא ערפּאַהרונג, וועלכע דער א. ק. האָט געהאַט ביי דער צייטונג, מיינט ער איז א גוטע לעהרע און וועט אונז איינברענגען 50 דאָלאַר וועכענטליך ביי דער צווייטער ארויסגאַבע פון „דאָס פּאָלק“.

דיא הויפּט צרה איז געווען וואָס עס האָט געפעהלט א רעזערוו פאָנד. „דאָס פּאָלק“, מיינט ער וואָלט נאָך היינט עקזיסטירט, ווען

דער א. ק. נאכדעם וויא ער האט דיא צייטונג אריבערגענומען נאך ניו־יארק, וואלט ניט בעדארפט צאהלען שולדען, געמאכט נאך אין פהילאדעלפיא.

פארשלאג בעריכט פון „דאס פאלק" גוטצוהייסען, איבערגעגעבען געווארען דער רעז. קאמיטע אריינצוברייגגען א רעזאל. דער קאנווענשאן,

דיא ס. ר. ט. ברייגגען אריין זייער א רעזיגנאציאן.

ראזומאווסקי שלאגט פאר דיא רעזיגניישאן אנצונעהמען.

גלאבום בעשולדיגט דיא דעלעגאטען פון דיא ס. ר. ט. אז זיי האבען אונעהרליך געהאנדעלט מיט דעם וואס זיי האבען געוואלט אויסאיבען א איינפלוס אויף אונזער פלאטפארם אין דיא צייט ווען זיי זיינען וויא עס שיינט, געווען אינסטרואירט פון זייער פעראיין, זיך צוריקצוציהען פון דער קאנווענשאן אין פאל דיא לעצטע וועט זיי ניט צולאזען אין דער פארטיי אויף אויטאנאמיע יסודות.

זיי, מיינט ער, האבען אונז בעדארפט לאזען אויסארבייטען אונזער פראגראם, דאן פארברייגגען זייערע פארדערונג פון אויטאנאמע יסודות. ער איז דאפיר אנצונעהמען דיא רעזיגניישאן, צור גלייכער צייט אבער אויסצודריקען איין אונצופריעדענהייט מיט זייער האנדלונג.

א. פייפמאכער איז איינפערשטאנען מיט גלאבום, ער שלאגט פאר דיא קאנווענשאן זאל פראטעסטירען געגען דיא דעלעגאטען פון דיא ס. ר. ט. וועלכע זיינען געקומען מיט א פארטיגע פראגראם פיר זיך, און העלפען אויסארבייטען א פלאטפארם פאר אונז.

מעדאוניק אין נאמען פון די ס. ר. ט. ענטפערט, אז זייער אויפגאבע דא איז געווען, אבצוהאלטען דיא קאנווענשאן פון אנצונעהמען א שטרייגגע ס. ס. פראגראם, כדי ווען זיי וועלען זיך יא וועלען פעראייניגען מיט דיא ס. ט. אויף אויטאנאמיע יסודות, אין

געווּיסע מאָמענטען, וויא צב„ש אין שיקען א פּערטרעטער צו דער ימ"א, זאָלען זיי האָבען פאר זיך ניט קיין צו ווייטען קרוב.

דער פאָרשלאג ווענען אננאהמע פון רעזיגנאציאָן ווערט גע־בראכט צום אָבשטימונג.

דיא רעזיגנאַציאָן מיט דעם פּראָטעסט נעגען דיא ס. ר. ט. דעלע־גאַטען ווערט ענדליך אָנגענומען.

דיא זיטצונג ווערט געשלאָסען אום 2 אוהר און דעלעגאטען געהען צום קאָנוועגשאָן מאססמיטינג אין פעניאל־האָלל.

ערהאלטען א טעלעגראמע פון סינסינעטער טעריט.

נעקסטע זיטצונג 6 אוהר אבענדס.

---

לעצטע זיטצונג

## זונטאג אבענדס 6 אוהר.

### אב. גאָלדבערג, טשערמאן.

א פּייפּמאַכער נעהמט דאָס וואָרט ווענען ווייטערדיגע ארבייט פיר „דאָס פאָלק".— ער מיינט אז קודם כל מוז געשאפען ווערן א פאָנד צו דעקען די נויטיגסטע שולדען פון „דאָס פאָלק". ער פערלאַנגט די קאָנוועגשאָן זאָל בעשטימען די צייט, ווען דאָס פאָלק זאָל ווידער אָנהייבען צו ערשיינען. ער איז דער מיינונג, אז אויב דער קאָנוועגשאָן וויל, אז דאָס פאָלק זאָל ערשיינען נאָך דיעזען יאָהר, דאן מוז עס געטהון ווערען ניט שפּעטער וויא יאנואר.

דאָ רעכענט ער אויס וויפיעל ביי גוטע אראנדזשעמענטס קען „דאָס־פאָלק" וועכענטליך אריינברייננען און וויפיעל מען וועט דארפען וועכענט־ליך צולייגען.

דער פאָנד דארף בעשטעהען פון 5000 דאָל. אום אָנצופאנ־גען מיט דער ארויסגאבע איז נויטיג 2500 דאָלאר.

נויאָרק אליין קען שאפען דורך בלויז אונטערנעהמונגען דיא סומע פון 2000 דאָלאר יעהרליך.

מאָנטרעאל און קליוולענד שטעלען צו יעדע 100 דאָלאר.— פהילאדעלפיא, 200; שיקאגא 200; באלטימאָרע און טרענטאָן צו 50 דאָלאר.; פיטטסבורג און וויננּיפעג צו 100 דאָלאר. באָסטאָן 100 דאָללאר.

ווען אללע פעראיינען זאָלען אנהייבען ענערגיש צו ארבייטען און טהון דאָס וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט, דאן קען מען גלייך צו־טרעטען צור ארבייט.

ביינענסאָן מיינט ביז יאַנואר קען דיא סומע ניט געשאפען ווערען צוליעב דיא קורצקייט פון דער צייט. אום צו שאפען אזא פאָנד מוז מען וויינינגסטענס האָבען דעם גאנצען ווינטער. ניו־יאָרק וועט ניט קענען שאפען מעהר וויא 1000 דאָל.

ער שלאָגט פאָר צו ערוועהלען א גענעראל טרעזשורער, און זאָ־פאָרט צוטרעטען צור ארבייט פיר „דאָס פאָלק."

צוקערמאן איז געגען דעם, אז דיא קאָנווענשאָן זאָל בעשטי־מען דיא צייט פון ארויסגאנג פון „דאָס פאָלק". ער שלאָגט פאָר, אז דער צ. ק. פון ניו־יאָרק זאָל צונויפרופען א צוזאמענפאָהר פון גרויסען צ. ק. אזוי שנעל וויא דיא נויטיגע סומע וועט שוין זיין געשאפען, און דיעזעם צוזאמענפאָהר זאָל עס בלייבען דיא ענט־שיידונג פון דער ערשיינונג פון דער צייטונג.

שטיינבערג, וואָלט ניט וועלען אז דיא חובות זאָלען געדעקט ווערען פון דעם נייעם פרעסס־פאָנד.

ער איז איינשטימיג מיט צוקערמאן'ס פאָרשלאג.

מילער דיינקט, אז עס וועט יעצט זיין אונמעגליך צו שאפען דעם נויטהיגען פאָנד. ער שלאָגט דאהער פאָר אָבצואווארטען מיט דער ארויסגאבע פון „דאָס פאָלק ביז נעקסטען יאָהר.

דעבאטען געשלאָסען.

א. פייפמאכער שלאָגט פאָר, צו בעשטימען דיא צייט פיר ארויסגאבע יאנואר.

בראכמאן אמענדירט צוקערמאַן'ס פּאָרשלאג, אז אויסער דער בעשטימונג פון דעם נויטיגען פּאָנד זאָל דאן פארגעשריבען ווערען א צייט, כדי דיא ארבייט זאָל פּארגעהען ענערגישער.

פּאָרשלאג מיט אמענדעמענט דורכגעגאנגען.

פּאָרשלאג, אז דער קליינער צ. ק. מיט דער בעראטהונג פון די צ. ק. חברים אין פּראָווינץ זאָלען בעשטימען דיא רעדאקציאָן פון דער צייטונג, זאַפּיר 21, געגען 2.

פּאָלגענדע רעזאָלוציאָן ווערט אָנגענומען:

א פּאָנד פון 3000 דאָלער זאָל געשאַפען ווערען, פון וועלכען עס זאָלען אויך געדעקט ווערען דיא שולדען. א צוזאַמענפּאָהר זאָל פּאררופען ווערען פון גרויסען צ. ק. וועלכע זאָל בעשטימען דיא ארויסגאבע פון דער צייטונג.

דיא קאָנוועגשאָן רעקאָמענדירט דיא צייטונג ארויסצוגעבען אם יאנואר 1907.

אלס טרעזשורער פון פרעסס פּאָנד ערוועהלט דר. ס. עלסבערג ניו-יאָרק.

בינענסאָן שלאָגט פּאָר צו גרינדען א פערוואלטונגס קאָמיטע, פיר דיא געשעפטס אנגעלעגענהייטען פון „דאָס פּאָלק" אין ניו-יאָרק, אָנגענומען.

בעשלאָסען דעם צ. ק. איבערצוגעבען דאָס רעכט אזא קאָמיטע צו בעשטימען.

בראכמאַן שלאָגט פּאָר, 1) דאָס דיא שטענדיגע דעפיציטען זאָללען רעגעלמעסיג געדעקט ווערען דורך דיא פעראיינען. דיא לעצטע זאָלען אלזאָ געטעקסט ווערען. 2) אז דיא פערוואלטונג פון דער צייטונג אין יעדער שטאָדט זאָל ניט איבערגעגעבען ווערען צו פעראיינען דירעקט, זיי זאָלען בלויז טראָגען די פעראַנטוואָרטליכקייט.

שניאור שלאָגט פּאָר אָבצוהאלטען צוויי פּאָלק'ס-טעג יעהרליך, אין וועלכע דיא חברים זאָלען אָבגעבען זייערע פערדיענסטען פון דעם טאָג פיר „דאָס פּאָלק." איינשטימיג אנגענומען.

בעשלאָסען, אז דיא פערוואלטונג פון דיא ציימונג אין דער פּראָ־ווינץ זאָל זיין אונטער דער אויפזיכט פון דיא ראיאנע קאָמיטעטען.

אויף דער טאָגעס אָרדנונג איז פארשיעדענעס.

שניאור שלאָגט פאָר צו גרינדען א פערלאַג.

ראזומאווסקי איז געגען דעם, ווייל מיר האָבען נאָך ניט דיא נויטיגע קרעפטען.

שניאור מיינט אָבער ניט שאפען נייע ליטעראַטור, נור א אגענטור פון דיא שוין פערהאנדענע ליטעראַטור. — אָנגענומען איינשטימיג.

בעשלאָסען צו גרינדען א קאָמיטע פיר דיעזען צוועק וועלכער זאָל שטעהען אונטער דער אויפזיכט פון צ. ק.

בעשלאָסען, אז דיא פּארטיי־פאָהן זאָל זיין א רויטע מיט דער אויפשריפט :

„פּראָלעטאריער אללער פעלקער פעראייניגט אייך."

„יוד. סאָצ. טערר. ארבייטער פּארטיי פון אמעריקא. ס. ט."

קרעמער שלאָגט פאָר ארויסצוגעבען א פּארטיי באָטען מיט דיא ראשי תבות ס. ט. — אָנגענומען.

אויף דער טאָגעס־אָרדנונג ווערט ארויפגעבראכט דיא פראגע וועגען בצלאל — בעשלאָסען דיא פראגע צו טייבלען.

אב. גאָלדבערג לעזט פאָר די רעזאָל. וועגען טרייד־יוניאָניזם און אינדאָסטריאליזם, אָנגענומען „ען־בלאָק."

רעזאָלוציאָן וועגען דיא פעראייניגונגען פון אללע ס. ט. פּאר־טייען. אָנגענומען.

רעזאָלוציאָן וועגען יטא"פ אָנגענומען.

דעלעג. ניומאן פערלאנגט אז די איינלייטונג צו דער רעזאָלו־ציאָן וועגען דיא ס. ס. זאָל אויך צוגעגעבען ווערען צו דער רעזאָ־לוציאָן וועגען דיא יטא"פ.

בעשלאָסען ניט אנצונעהמען קיין בעשטימטע שטעלונג וואָס

אנבעלאנגט צו געלד־שטיטצע אין דיא אויסלענדישע ס. ט. פאר־טייען. איבערגעלאָזען פריי.

גאָלדבערג ברייננט אריין א רעזאָלוץ. וועגען י. ס. א. פּ. אָנגענומען.

רעזאָלוציאָן וועגען דיא פּוע"צ אָנגענומען איינשטימיג.

דיא קאָנוועגשאָן דריקט אויס א דאנק דער באָסטאָנער ארגא־ניזאציאָן ס. ט. פאר דיא ארגאניזירונג פון דער קאָנוועגשאָן.

בעשלאָסען אז דער טאָג פון דער ערשיינונג פון דער ערשטער נומער פון „דאָס פאָלק" זאָל געפייערט ווערען פון אלע ארגאניזא־ציאָנען. עס זאָל זיין א פאָלקס־טאָג פיר אלע פעראיינען.

שניאור שלאָגט פאָר צו גרינדען א עקאָנאָמישע ביורא, כדי דער צוזאמענבונד צווישען דיא חברים זאָל זיין ניט נור א גייסטי־גער, נור אויך א עקאָנאָמישער. איינשטימיג אנגענומען.

דער צ. ק. איז אינסטרואירט געוואָרען צו גרינדען א סטא־טיסטישע ביורא, וועלכע זאָל זיך אָבגעבען מיט'ן ערלערנען דיא סטאַטיסטיק פון דער יוד. בעפעלקערונג, פון איהר לעבען־ארט אין אמעריקא.

צוקערמאן טהיילט מיט אז ער איז וויליג אנצונעהמען דעם אמט אלס צ. ק. מיטגליעד פיר פהילאדעלפיא.

ער ווערט ערוועהלט איינשטימיג.

טשערמאן אב. גאָלדבערג האלט א קורצע רעדע.

ער האָפט, אז אלע דעלעגאטען זיינען צופריעדען מיט דיא רעזולטאטען פון דער קאָנוועגשאָן. ער שפּרעכט אויס זיין האָפנונג אז אונזער פּארטיי וועט וואקסען, אז דיא דעלעגאטען, קומענדיג צו זייערע וועהלער וועלען האָבען געגוג ענטוזיאז. מיט וועלכע זיי וועלען בעגייסטערען אונזערע אללע חברים. און אלע צוזאמען וועללען מיר צוטרעטען ענערגיש צו דער ארבייט. ארבייטען ענער־גיש, הארמאָניש, מיט דער העכסטער איבערגעבענהייט פיר אונזער אידעאל פיר דיא בעפרייאונג פון אונזער פאָלק אויף א אייגען לאנד.

ער ווינשט אז צום נעקסטען יאָהר זאָלען מיר שוין קענען רעדען וועגען דער פּראַקטישער רעאַליזירונג פון אונזער ציעל.

אללע דעלעגאטען שטעהען אויף פון די פּלעצער, מען זינגט אין כאָר'ם „די שבועה."

10 אוהר ווערט די קאָנווענשאָן געשלאָסען אונטער דער גע־גענזייטיגע הענד־דריקען און אבשיעד פון די דעלעגאַטען.

---

# קאנווענשאן-רעדע.

(געהאלטען ביי אב. גאָלדבערג צום מאססמיטינג אין פעניועל-האָלל, זונטאג 21טען אָקטאָבער 1906.)

פריינדע פערזאמעלטע:

דער צוועק פון מיין רעדע אויף דער היינטיגער פערזאמלונג, איז צו ערקלעהרען דעם פובליקום פון באָסטאָן, דאָ וואו דיא קאָנ-ווענשאָן איז אָפגעהאלטען געוואָרען, דיא רעזולטאַטען פון אונזער ארבייט, און צו גלייכער צייט איהם צו בעקענען, וויא ווייט מעגליך, מיט אונזער בעוועגונג, וויא מיט אונזער פארטיי.

זעהר וועניג בעקאנט איז אונזער פארטיי אין דעם נייעם לאנד, כאָטש זיא איז געווים דיא איינציגע אידישע ארבייטער פארטיי, וואָס פערטרעט דיא אינטערעסען פון דיא ברייטע אר-בייטער מאסען — ניט בעקאנט איז אונזער פארטיי, ווייל זיא האָט פיינד דיא אמעריקאנער דרכים פון שרייענדע רעקלאמען, און „סעלף-אדווערטייזינג“, זיא בומט זיך ניט אליין, האָט אויך ניט קיין פרעסע, וואָס זאָל ניט אויפהערען דערצעהלען נסים ונפלאות איבער איהרע מעשים.

אונזער פארטיי איז אויך נאָך זעהר יונג, אין גאנצען זיינען ערשט 12 מאָנאטען אריבער זייט מיר האָבען זיך אָפגעטהיילט פון דיא פועלי-ציון, און צוזאמען מיט דיא פועלי-ציון האָבען מיר געארבייט דריי יאָהר. זעהר אַ קורצער משך אין דעם לעבען פון אַ פארטיי, ווינציג האָבען מיר נאָך אויפגעטהון פיר אונז שטעהט נאָך פאַר אַ ליכטיגע צוקונפט.

די אידעאלען, וואס מיר פרעדיגען זיינען אמת ניט דא אין דעם נייעם לאנד פאבריצירט געווארען, נור זיינען געבוירען אין דעם לאנד פון וועלכען מיר קומען. דארט איז אונזער אידעאל פאפולער ביי די אידישע מאססען, דארט אין רוסלאנד, אין דעם „פריי־שקלאווען לאנד", וואו מען הערט אזוי אפט פון העלדענטהאטען, פון ערנסטער איבערגעבענהייט, פון הייליגער בעגייסטערונג, פון הויכע אידעאלען, דארט האט מען פיעל געהערט פון דעם סאצ. טעריטאריאליסטישען אידעאל. דארט פארשטעהט מען גאנץ גוט די מעגליכקייט פון דעם סינטעז, פון דעם צונויפגיעסען פון צוויי ערהאבענע אידעאלען, און דארט געפינען זיך העכער 30 טויזענד מאן, אן ארמיי פרייהייטס מענער, וואס שטעלען מיט זיך פאר די פרינציפען, מענשען וועלכע זיינען בערייט אפפערן זייער לעבען פיר דיזע פרינציפען, און פיעלע פון וועלכע האבען פראקטיש זייער לעבען געאפפערט... דארט אין יענעם לאנד פון בלוט און טרעהרען, דארט וואו דער שווערד פון מלאך־המות שוועבט שטענדיג איבער דעם קאפ פון גאנצען אידישען פאלק, דארט אין יענעם לאנד פון אידעאלען און אפפערוויליגקייט, וואו אונזערע חברים זיינען זיך מיט חשק מקריב אויף דעם מזבח פון פרייהייט, און הערען ניט אויף רופען די גאנצע מענשהייט צור ארבייט פיר די ליכטיגע אידעאלען פון דער צוקונפט — דארט אין יענעם לאנד פערנעהמט א גרוים און זעהר בכבוד'יגען פלאטץ אין יענעם דישען לעבען אין דער אידישער גאס אונזער אידעאל, דער אידעאל פון סאצ. טעריטאריאליזם. דארט איז אונזער אידעאל שוין ניט ניי ניי איז ער נאך אין נייעם לאנד.

סאציאליזם־טעריטאריאליזם ? ! און דער דורכשניטליכער מענש, אפילו דער וואס איז עטוואס העכער פון דורכשניטליך, קען קוים בעגרייפען די קאמבינאציאן. דאס קאמפליצירטע איז א העכערע פארמע פון דעם איינפאכען, אלעס אין לעבען ענטוויקעלט זיך פון דעם איינפאכען, צום קאמפליצירטען, און וואס קאמפליצירטער און וואס פערוויקעלטער א זאך, איין ערשיינונג איז,

דעסטאָ שעהנער, דעסטאָ ערהאַבענער איז זי, דער מענש איז קאָמפּלי־צירטער און דאַפיר ערהאַבענער פון דער רויהער פאָרמע פון לע־בען, פון דעם פּראָטאָפּלאַזם — דאָס קאָמפּליצירטע איז אָבער שווער צו בעגרייפען, און דער עולם האָט ליעב דאָס איינפאַכע, דעם וואולגאַרנעם מאַניזם.

און פיעל געהערט האָבען מענשען פון סאָציאַליזמוס, און זיי וואָלטען אונז פערשטאַנען ווען מיר וואָלטען זיך למשל ערקלעהרט בלויז פאַר סאָציאַליסטען, וועלכע ווילען אומשטירצען די יעצטיגע אָרדנונג, און אויף איהרע חורבות אויפבויען אַ בעסערע אַ אָרד־נונג פון יושר, פרייהייט און גלייכהייט. זיי וואָלטען אונז אויך פערשטאַנען, ווען מיר וואָלטען זיך בלויז ערקלעהרט פיר טערי־טאָריאַליסטען, וועלכע ווילען ארבייטען פיר דער ערוועָרבונג פון אַ לאַנד פיר דעם אידישען פאָלק, דאָס פארשטעהען היינט באלד אלע. ניט אלע קענען אָבער פארשטעהען וויא אזוי גיעסען מיר צוזאַמען דיא צוויי אידעאַלען אין איין גאַנצעס, זיי פארשטעהען ניט דעם סינטעז און זיי דענקען, אז מיר זיינען דואַליסטען, מענ־שען וואָס זיצען אויף צוויי שטוהלען, — דער סאָציאַליזם־טעריטאָריאַליזם, וואָס קומט אַלס ענטפער אויף דער פערפּלאָנטער־טער אידישער אַרבייטער פראַגע, איז אין עצם זעהר אַ קאָמפּלי־צירטער אידעאַל, און דאָך געפינט ער פיעל אנהענגער צווישען דיא אידישע מאַסען, דאָס לעבען צווינגט זיי איהם צו פערשטעהען, דאָס לעבען וואָס נויטיגט דעם אידישען ארבייטער זיך צו ענט־וויקלען העלפט אונז אויך פיעל מיט, דען וואָס ענטוויקעלטער דער ארבייטער איז, וואָס בעסער ער קען זיך אָריענטירען אין דער אידישער פּראָבלעם, אין איהר גאַנצען פלאָנטער דעסטאָ פעהיגער איז ער אויפצופאַסען אונזער אידעאַל, און מיט פרייד בעמערקען מיר וויא אויך אין אַמעריקאַ האָט דער אידישער אר־בייטער אָנגעהויבען פערשטעהען אונזער אידעאַל.

און אונזער אידעאַל ווייט וויא ער איז פון זיין מאַניסטיש אין דעם וואולגארנעם זינן, איז דאָך מאַניסטיש אין דעם ריינערן

זינן פון וואָרט. דען מעג דער טעריטאָריאליזם און דער סאָציאַ־ליזם אויסזעהען אויף דעם ערשטען בליק וויא צוויי בעזונדערע אידעאַלען, דאָך ווער עס קען זעהען דיא בעזונדערע פאָרמען וואָס דער קאמפּף פיר'ן סאָציאַליזם נעמט אָן ביים אידישען ארבייטער, צוליעב דעם ספּעציעלען אידישען לעבען, דער קען פערשטעהען וויא ווייט וויכטיג עס איז פאר דעם אידישען ארבייטער אַ אייגענע ווירטשאַפט, אין לעצטען חשבון אַ אייגענע לאַנד אין זיין קאמפּף פיר אַ בעסערע צוקונפט — און מיר זיינען איינהייטליך...

אלע ארבייטער פון אלע פעלקער קעמפּפען פיר'ן סאָציאַליזמוס, און מיט זיי דער אידישער ארבייטער, דאָך אויף דעם וועג פון זיין קאמפּף בעגעגנעט דער אידישער ארבייטער גאַנץ אַנדערע פּראָבלעמען וויא דיא, וואָס דער דייטשער, אָדער דיא ארבייטער קלאַסע פון איין אנדערן פאָלק. —

דען דיא אידישע ארבייטער קלאַסע איז אַ טהייל פון אַ לאַנדלאָזען פאָלק און זיא ליידעט צוויי־פאַכיג, ליידעט פון עקאָ־נאָמישען דרוק און פון ספּעציעל אידישע ליידען, און דיא ספּעצ־יעל אידישע ליידען לעגען זייער שטעמפּעל אויף אויף דיא אר־בייטער אינטערעסען אויף זיין לעבען, אויף זיין קאמפּף אויף זיין אידעאַל.

און ניט איינמאָהל, צוליעב דיא אידישע ליידען, קומט אויס דעם אידישען ארבייטער געהען האַנד אין האַנד מיט זיין שונא, אויף עקאָנאָמישען פעלד, דעם בורזשוא, דיא אידישע צרות פער־אייניגען זיי. ווינציג ווייסען פון דעם ארבייטער פון פעלקער, פרייע פעלקער וואָס זיצען רוהיג אויף זייער לאַנד.

נאָט אייך אַ ביישפּיעל:

אָט האָבען זיך אָרגאַניזירט אידישע ארבייטער, און זיינען ארויס אויף אַ סטרייק ביי זייער עקספּלאַטאַטאָר, זאָגען מיר, בראָדסקי, און העלדיש פיהרען דיא אידישע ארבייטער אָן דעם סטרייק פיר מעהר ברויט, לופט און ליכט, דיא אידישע ארבייטער זיינען קלאַסען בעוואוסט... דיא ארבייטער מוזען זיעגען. דאָך

א ! טרעוואָגא ? וואָס איז געשעהען ? פלוצלונג, א ענדערונג... וואָס איז געשעהען ? פּאָגראָם, דיא פינסטערע כחות דיא שונאים פון אידישען פאָלק, האָבען זיך אויך אָרגאניזירט, און א סוף מוז נעהמען צום סטרייק, דיא אידישע ארבייטער זיינען אוועק אויף זייער קאמפפס־פלעצער אלס זעלבסט פארטהיידיגער, און בראָדסקי ווערט דאן אויס שונא, בראָדסקי איז א אח לצרה, און דער אידישער ארבייטער מיט דעם קאסט פון זיין לעבען פערטהיידיגט ניט נור דאָס לעבען פון בראָדסקי, נור אויך בראָדסקי׳ס פערמעגען, בראָדסקי איז מעהר ניט א עקספּלואטאטאָר, נור א קרבן פון דער פינסטערער אידישער שנאה, דיא שנאה, וואָס מאכט קיין אונטערשיעד צווישען ארבייטער און בראָדסקי, דיא שנאה צו אלע אידען.

דער קליינער געוועהנליכער ביישפּיעל דארף אונז דאָך פיעל לערנען, ער דעקט פיר אונז אויף דיא בעזונדערע אומשטענדען, אונטער וועלכער דער אידישער ארבייטער לעבט און קעמפּפט.

יא, עס איז וויל מיר פארשטעהען גרינדליך דאָס אלגעמיינע אידישע לעבען, פון וועלכע דאָס אידישע ארבייטער לעבען איז א טהייל, דאפיר שטעלען מיר ארויס פיר דעם אידישען ארבייטער גאנץ אנדערע אויפגאבען.

אלע ארבייטער ליידען פון דעם עקאָנאָמישען דרוק, אלע ארבייטער ווערען אויסגעזויגט פון דיא קאפּיטאליסטישע פּיאוו־קעס, דאָך איז עס פערהאנען א אונטערשיעד צווישען דער לאגע פון אידישען ארבייטער און ניט־אידישען. בעטראכט אונטער וועל־כע אומשטענדען עס ארבייטען דיא אידישע ארבייטער, דערמאָהנט זיך ביי וואָס פיר טריידס, כביכול, זיי זיינען פערנומען. ווער איז עס דאָ אין דעם נייעם לאנד דער הויפּט טרעגער פון „סוועטינג סיס־טעם“ ? דער אידישער ארבייטער ! און דיא סיסטעם טרייבט פון איהם ארויס ניט נור טייכען שוויים נור זויגט פון איהם אויס יעדען טראָפּען בלוט, דעמאָראליזירט איהם פיזיש און גייסטיג, פערקריפּעלט זיין קערפּער, און שיקט שנעל אָפּ דיא נשמה אויף

דעם עולם האמת... דיא סוועטינג סיסטעם איז א ספעציעלע אידישע מכה.

און וויא געהט עס דעם אידישען קליינעם קרעמער, דעם קליינבירגער, כביכול? דאס איז א בריאה, וואס הענגט אין דער לופט, לעבט פון לופט, איז דיא פערקערפערונג פון דעם לאנגגעזוכטען „פערפעטום מאבילע" האלט זיך אין איין בעוועגען, פליהען און וואנדערען, און איז נאר ניט עהנליך צום ניט־אידישען קליינבירגער.

און אויך אונזערע קאפיטאליסטען לעבען אונטער אנדערע אומשטענדען.

דאס אידישע פאלק האט געלעבט אונטער אנדערע אומשטענדען וויא אלע אנדערע פעלקער העכער צוויי טויזענד יאהר, און עס האט גאנץ אנדערע אויפגאבען, דען אלע פעלקער האבען לענדער, און דאס אידישע פאלק, ניט.

און קעהרען מיר זיך צוריק צום אידישען ארבייטער, זעהען מיר, אז בעת אלע ארבייטער פון אנדערע פעלקער האבען א מעגליכקייט אנפיהרען אקאמפף פיר סאציאליזם און זיעגען. איז דא אנדערש מיט דעם אידישען ארבייטער. דען ניט ער קאנטראלירט דיא נערווען פון געזעלשאפטליכען לעבען, ניט ער קען דורכפיהרען דעם זיעג.

און ווייטער אמאל ווילט זיך מיר אייך, פריינדע פערזאמעלטע, דערמאהנען אין אונזער שוועסטער פארטיי אין רוסלאנד, וועלכע שטעהט יעצט און קעמפפט געגען טיראניי, און וועלכע האט געלעגט אונצעהליגע אפפער אויף דעם מזבח פון פרייהייט, א פארטיי, וועלכע האט אנגעפילט דיא טורמעס מיט איהרע פארקעמפפער, א פארטיי, וואס האט העלדיש פארטהיידיגט דאס אידישע פאלק אין צייט פון זיין חורבן — דיעזע פארטיי שטעהט אונגעפעהר אויף דיעזעלבע פרינציפען, וואס מיר, איז ארגאניזירט אויף דעם באדען פון טעריטאריאליזם, און ארבייט פיר דער פאל־

קאָמענער בעפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק. איהר, פריינדע פער־זאמעלטע, האָט ווינציג געהערט פון יענער פארטיי, און איך בע־שולדיג אייך ניט.

עס איז דיא שולד פון דעם זאָגענאַנטען סאָציאַליסטישען אָרגאַן, וואָס האָט פיר דער צייט פון זיין אַליינהערשאַפט בכיון פערדעקט איין זייט פון׳ם אידישען ארבייטער לעבען.

פיעל זעהר פיעל האָט איהר געהערט וועגען הירשל לעקערט, און זעהר וועניג וועגען פנחס דאשעווסקי — לעקערט האָט בע־גאַנגען א העלדענטהאַט, ער האָט געשאָסען אויף דעם בלוטהונד פאָן־וואַל, דאשעווסקי האָט גענומען ראַכע פיר דעם אידישען פאָלק, און געשאָסען אויף דעם טייוועל קרושעוואַן, מיר זיינען אַלע געוועזען שטאָלץ אויף לעקערט; ווארום האָט איהר אָבער אַזוי וועניג געהערט וועגען דאשעווסקי? לעקערט און דאשעווסקי, וועל־כער פון זיי איז וויכטיגער? איך טראַכט ניט לאַנג און זאָג זיינעןביידע וויכטיגער, ביידע האָבען געקעמפפט פיר דער בעפרייאונג פון דער מענשהייט אין ברייטערען זינן, און פיר דער בעפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק, מען האָט דאָך פערשוויגען דאשעווסקי, מען האָט פערשוויעגען א פארטיי פון 30 טויזענד מאַן, ווייל מען האָט ניט געוואָלט דערצעהלען פיר דער היגער אידישער וועלט, אַז מיר סאָצ. טעריטאָריאַליסטען אויף יענער זייט ים זיינען קעמ־פפער ביי וועמען דאָס לעבען שפיעלט קיין ראָלע, ווען עס האַנ־דעלט זיך אום וואָהלזיין פון פאָלק, דען וואָלט איהר פון דעם געוואוסט, דאַן וואָלט זיך אין אייערע אויגען געמוזט אויפהויבען דער פרעזטיזש פון אונזער פארטיי אין דעם לאַנד, וואָלט איהר געוואוסט פון אונזער אָפּפערוויליגקייט, געגנער אָדער פריינד, וואָלט איהר געמוזט מעהר שעצען אונזער אידעאַל — דאָס גראַדע האָבען אונזערע געגנער ניט געוואָלט און זיי האָבען פערשוויעגען דיא פאַקטען, זיי האָבען זיך געכאַפּט פיר זייער בעוואוסטען מיטעל: טויטשווייגען דעם געגנער. גליקליכערווייזע איז זיי דאָס אָבער ניט געלונגען, אויך דאָ אין דעם לאַנד, אַלע מאָהל וואָס מעהר

הויבט דיא ארבייטערמאסע זיך אָן צו אינטערעסירען מיט אונזערע אידעאַלען, אונזערע רייהען ווערען גערדיכטער, און אויך פיעלע פון אונזערע געגנער זיינען געוואָרען אונזערע נאָהענטע פריינד, — אזוי האָט געמוזט זיין! דען אונזער אידעאַל טראָגט אין זיך אַ ענטפער אויף אַלע פאָדערונגען פון דעם אידישען ארבייטער, וויא אויך אויף דיא פאָדערונגען פון דיא ברייטע אידישע מאסען, פ׳ון דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

אַלע פעלקער האָבען געליטען, מיר האָבען אָבער געליטען מעהר וויא אַלע. מיר האָבען געליטען אין דער צייט פון רעליגיע־זען פאנאטיזם, און מיר האָבען אויך געליטען אין דער צייט פון אויפקלערונג, מיר האָבען געליטען אין דער צייט פון רעאַקציאָן, און מיר האָבען אויך געליטען אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן; מיר האָבען געליטען אויף דער גאַנצער וועלט אין אַלע איהרע טהיילען, מיר האָבען געליטען אומעטום און אין אַלע צייטען — דאָס איז דער עצם פון דער אידישער פראגע.

דאָס רוסישע פאָלק ליידעט יעצט פון דער טיראַניי, שרעקליך זיינען זיינע ליידען, דאָס רוסישע פאָלק קעמפפט אָבער פיר זיין פרייהייט, און זייט זיכער עס וועט ענדליך זיעגען, און פיהרען אַ גליקליכען לעבען. און מיר? אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן פער־גיסען מיר אונזער בלוט פיר רוסלאַנד׳ס בעפרייאונג, מיר וועלען אויך עטוואָס געניעסען פון דער אַלגעמיינער פרייהייט, דאָס סאָ־ציאַלע לעבען פון דיא אידישע מאסען וועט אָבער געוויס בלייבען וויא געוועזן.

איז דען אנדערש געוועזן אין עסטרייך? דער איד איז שוין דאָרט 40 יאָהר פּאָליטיש עמאַנציפּירט, און דאָך איז ביי איהם נאָך דערזעלביגער דלות, דאָסזעלבע הויזירעריי, ליידעט דאָך פון דעם זעלבען אנטיסעמיטיזם, פון דעם עקאָנאָמישען באָיקאָט, און שרעקליך איז דיא געגענוואַרט פון דעם אידען אין עסטרייך און ניט פיעל קען ער האָפען אויף דער צוקונפט.

און ביי אונז אין דער פרייער אמעריקא? נאך קוקט מען דערוויל אויף א אידען וויא אויף א מענשען, אבער... פיהלט איהר ניט דיא שטימונג? אין פילאדעלפיא איז גענוג געווען איין הולי־גאנסקע אויפרוף צו דער קריסטליכער מאסע, און א פאגראם מיט אלע זיינע שרעקענישען א לא סעדליעץ איז פארגעקומען... שוין איז מען אין אייניגע הויכע פאליטישע קרייזען ניט צופריעדען מיט דעם גאנצען אידישען פאלק, וויל זיי האבען צווישען זיך צופיעל סאציאליסטען — צו ראדיקאל, הייסט עס. דאפיר איז מען אין אנדערע קרייזען אונצופריעדען אויך מיט דעם גאנצען אידישען פאלק, וויל מען האט על פי טעות ארויפגעשטעלט בעלמאנט׳ען אויף אונזער חשבון.

מיר מוזען דיא אלע ערשיינונגען נעהמען אין אכט, און אויב דיא אורזאכע איז לאנדלאזיגקייט, דאן מוזען מיר ארבייטען פיר דער ערוועדבונג פון א לאנד...

אלע פעלקער בעטהייליגען זיך אין דער עמיגראציאן, וואס איז לויט איהר עצם א קאפיטאליסטישע ערשיינונג, דאך גרעסער איז אונזער עמיגראציאן וויא דיא ביי אנדערע פעלקער, און דיא עמיגראציאן, וועלכע פאלט וויא א לאסט אויף דיא יחידים, איז אבער א סאציאלער כח, און קען אויסגענוצט ווערען פיר דער בע־פרייאונג פון דעם אידישען פאלק. דיא עמיגראציאן, וועלכע געהט אן אונסיסטעמאטיש, מוז סיסטעמאטיזירט ווערען, מוז ארגאני־זירט ווערען, און אפגעווענדעט ווערען אין א בעשטימטען לאנד, און דינען פאר דעם אויפבויען פון א צענטער, א לאנד פיר דיא אידישע מאססען...

אלע קלאסען פון אידישען פאלק, וועלכע ליידען אין דער אדער יענער פארם פון גלות לעבען, דארפען זיך פעראייניגען און ארביי־טען אין דער ריכטונג.

און מיר קענען דאס עררייכען.

מיר האבען געהאלפען בויען דיא קולטור פון דער גאנצער וועלט, און מיר וועלען יעצט בויען א קולטור פיר זיך. מיר האבען

געפּערדיגט הויכע אידעאַלען, ערהאַבענע אידעאַלען צווישען אַלע פעלקער, לאָמיר נעמען אונזער מזל אין אונזער אייגענע הענד, און פערווירקליכען אונזערע אידעאַלען.

א אַנטעסימיט האָט אין אַ גרויסער ניו יאָרקער ענגלישער צייטונג אין צייט פון די פּאָגראָמען, געפרעגט: פיר וואָס געהען מיר אַלע אין בעזעסענע לענדער? וואָרום בויען מיר ניט אויף אַ לאַנד פאַר זיך? די פראַגע האָט ער צוגעשמאַלצען מיט אַנטי־סעמיטישע זלזולים, אויף דאַרויף איז ער אַ אַנטיסעמיט. די פראַגע איז דאָך אַ האַרבע: וואָרום אַרבייטען מיר ניט פאַר זיך? ווען מיר וואָלטען דיזעלבע טהעטיגקייט, דיע־זעלבע ענערגיע, די זעלבע אָפּפערוויליגקייט, שוויים און בלוט, פאַרווענדעט פאַר זיך, אויף אַ פרייען לאַנד, וואָלט עס געטראָגען געוויינשטע פריכטע. מיר מוזען בויען אַ נייעס לאַנד, נייע ערד, נייע הימלען... דאָרט וועלען די אידישע מאַסען פיהרען אַ מענש־ליכען לעבען, אַ לעבען אָהן בלוט, אַ לעבען אָהן שאַנדע, אַ לעבען אָהן שפּאָט, אַ לעבען אָהן „סוועטינג־סיסטעם“, דאָרט וועלען די אידישע מאַסען אַפּאַטהעמען פריי, ניט מעהר מיט די פינסטערע מרה שחורה׳דיגע געזיכטער; אַ סוף צו די געקרומטע רוקענס, און פיבערהאַפטע אויגען...

אויף דעם נייעם באָדען, אויף זיין אייגען לאַנד, וועט דאָס אידישע פאָלק לעבען און ענטוויקלען זיך נאָרמאַל ווי אַלע אַנ־דערע פעלקער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דיעזע געדאַנקען האָט זיך בעשעפטיגט אונזער קאָנווענ־שאָן, דיעזע געדאַנקען זיינען קריסטאַליזירט געוואָרען אין אַ פּראָגראַם און יעצט געהען מיר מוטהיג און שטאָלץ צו דער אַרבייט.

אויף יעדען הויכען באַרג, אין יעדער טיעפער טהאָל, אויפ׳ן דאַך, אין יעדער גאַס, אין די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון דער וועלט, וואו עס שמאַכטעט די אידישע מאַססע, וואו עס

ליידעט און קרעכצט אונזער א ברודער, וועלען מיר לאָזען הויך קלינגען אונזער שטימע, די שטימע פון פרייהייט, און גליק פיר דעם אידישען פאָלק.

נייע צייטען, נייע דורות, דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעלעבט... מיר לעבען אין דער צייט פון דער אידישער ערוואכונג, פון דער אידישער רענעסאנס...

דאָס פאָלק וויל לעבען פריי, און אייזען־שטארק איז זיין ווילען, דאָס פאָלק שטרעבט נאָך פרייהייט, און גליהענד־היים איז דיא שטרעבונג....

פרייהייט! און דאָס פאָלק ברעכט דיא קייטען! גלייכט אויס זיין געבויגענעם רוקען, און נעהמט העלדיש אויף דעם קאמפף.... דעם קאמפף פיר א פרייען גליקליכערען לעבען...

און קומען וועט דיא צייט, דיא גאָלדענע צייט.

און לעבען וועט דאָס פאָלק, אלס פרייעס פאָלק אויף א פרייען לאַנד.

---

# טעקסט פון איינ׳גע בעגריסונגען און טעלעגראַמען:

## זאַנגוויל׳ס בריעף.

ווערטהער הערר פּייפּמאַכער !—

איך בעגרים אייך צו אייער קאָנווענשאָן, וועלכע איך האָף, וועט זיין ערפאָלגרייך. מיר שיינט, אז איהר שטעהט ניט אין קיין פאָרמעלע בעציהונגען צו אונזערע בעוועגונג, דען זאָנסט וואָלט איהר זיך דאָך אנגעשלאָסען אן דער אמעריקאנער טעררימאָריאליסטישער אָרגאַניזאציאָן, וועלכע איז אונטער דער לייטונג פון מר. סיירוס סולצבערגער. עס איז דארום ניט אין מיין מעגליכקייט אייך צו אדרעסירען אלס פּרעזידענט, נאַר קוים פעראייניגונג שאפט מאכט, וואָלט איך מיר ערלויבען אייך פאַרצושלאַגען א פאָרמעלע ארייגטרעט אין דער טעררימאָריאליסטישער אָרגאַניזאציאָן, ניט אלס סאָציאליסטען נור אלס טעררימאָריאליסטען.

אייער סאָציאליזם איז א פּריוואט־זאך און עס בעלאנגט נור אייך אליין און איהר וואָלט האָבען דאָס רעכט זיך צו קאָנסטיטואירען אלס סאָציאליסטישע אדער ארבייטער פּארטיי אויף דער טעררימאָריע. זאָל זיא נור זיין ערריכט. נור זעלבסטפערשטענדליך, ווען אונזער בעוועגונג איז ערשט אין דעם צושטאנד פון שטרעבען צו ערריכען א טעררימאָריע, קען זיא ניט איינשטימען פּאָליטיש מיט איין פּארטיי מעהר וויא דער אַנדערע. זיא פערלאנגט בלויז, אז אלע פּארטייען זאָלען זיך פעראייניגען פיר אלגעמיינע ארבייט.

וואָס אנבעלאנגט דער יעצטיגער לאגע פון דער יט״א, קען איך ניט

טאָהן בעסער וויא ווידערהאָלען דאָס וואָס איך האָב געזאָגט צו דיא חברים אין גלאזגאו :

— עס איז ערשט א יאָהר זינט איך האָב געדרוקט דעם מאניפעסט מיט וועלכען עס האָט זיך אָנגעפאנגען דיא פערשפּרייטונג פון דיא אידישע טערריטאָריאליסטישע אָרגאניזאציאָן איבער דער גאנצער וועלט. דער מאניפעסט האָט זיך אָנגעהויבען מיט פאָלגענדע ווערטער : „דיא טראַגישע פּראָבלעם פון דעם וואנדערענדען אידען ווערט וואָס א טאָג שטאַרקער. דיא פראגע פון דער שטונדע איז „וואָהין ?" דיזע ווערטער זיינען געוועזן געשריבען איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא פעריאָדע פון שרעקליכע פּאָגראָמען און אויב זיי זיינען געוועזן אמת דאן, וויא אמת זיינען זיי יעצט ! אין א צייט פון זעקס מאָנאטען זיינען דריי הונדערט טויזענד אידען געלאָפען פון רוסלאנד, פון ווילדען שרעק. מיר רעדען וועגען גירוש פון אידען פון שפּאניען פון 1492 אלס איינע פון דיא גרעסטע פּאסירונגען אין דער אידישער געשיכטע. נור דאָס האָט אויך מעהר ניט אָנגעריהרט וויא 200 טויזענד אידען, וועהרענד דיא צרות וואָס האָבען דערפון געפאָלגט, זיינען געוועזן פערהעלטניסמעסיג פיעל קלענער. אין יענע טעג האָבען דיא אידען געענטפערט דיא פראגע „וואהין ?" מיט „יעדערער פיר זיך און צום טייפעל מיט די צוריקגעבליעבענע", און דער רעזולטאט איז, דאס נאָך פיער הונדערט יאהר, געפינען מיר זיך אין דערזעלבער צרה. איך בעשולדיג ניט דיא יענע גירושים וועלכע זיינען געפלויגען הין און הער, איך בעשולדיג אָבער זייערע קינדער וואָס זעצען פאָר זייער לעבען בלויז פון האנד צום מויל. מיר האַבען געוואונען גרויסע זיעגע אין יעדער פרייער מדינה. מיר האַבען ערוואָרבען מעהר אָדער וועניגער בירגער און רעליגיאָנס עמאנסיפּאציאָן, נור ווייל עס פעהלט אונז אלגעמיינע אידישע פּאָליטיק זיינען מיר געבליעבען ניט פעראייניגט, דיסאָרגאניזירט און פערהעלטניס־

מעסיג פאסיווע און הילפלאָזע צושויער פון דיא אָרגאניזירטע שחיטה פון אונזערע ברידער. און ניט נור זיינען מיר ניט אימשטאנדע אָבצו־האלטען דיא יעצטיגע שחיטה, מיר קענען אויך ניט אָנווענדען דיא עמיגראציאָן אין אזא אופן, אז אונזערע אידישע קרעפטען אָנשטאט וואָס זיי זאָלען זיין צו־וואָרפען, זאָלען זיי זיין צוזאמענגעשלאָסען אזוי, אז דאס זאָל קענען פיהרען צו דער צוקינפטיגער פאָליטישער מאכט און זי־כערהייט פון אונזער פאָלק. אָט דאָס איז דיא נויטיגע עמיגראציאָן־אָרגא־ניזאציאָנ׳ס מאשינעריע וואס דיא יט״א איז געקומען צו איינאָרדנען.
דיא פראגע פון דער יעצטיגער צייט איז: „וואָהין?“ און ווען דער ענטפער צו דיזער רעטעניש פון דעם „ספינקס“ וועט אויפגעדעקט ווערען, דאַן וועט דיא גאנצע עמיגראציאָן מוזען געפיהרט ווערען צו איין בע־שטימטען פונקט. דער פרינציפּ פון דער יט״א איז צו פעראייניגען און קאָנצענטרירען, און ניט צו צואווארפען אונזער צוואוואָרפענעם פאָלק.
דער ענטפער צו דער פראגע „וואוהין?“ מוז זיין אין איין לאנד און נאָר אין איין לאנד און דיא עמיגראנטען וועלען מוזען האָבען מעהר אָדער ווייניגער גאנצע פאָליטישע אוטאָנאָמיע. דאָס מיינט איינפאך, אז דיא עמיגראנטען וועלען האָבען זייער אייגענע שטימע אין אלע זייערע אנגעלעגענהייטען און זיי וועלען ניט רעגיערט ווערען פון אויבען, אזוי וויא דיא רוסישע, טערקען און ניגערס, אָבער וואָס איז דער נאָמען פון יענעם „וואוהין?“ וואָס קען מען ענטפערן צו דיזער גרויסער פראגע? אַן ענטשיעדענער ענטפער האָף איך וועט געגעבען ווערען אויף דיזער פרא־גע צו דעם קומענדען פריהלינג. דעם פובליקום איז בעקאנט אז אויף דער פערזאמלונג פון דעם אינטערנאצ. קאָנסיל פון דער טעריטאָר. פאר־טיי בין איך בעפאָלמעכטיגט געוואָרען צו אָרגאניזירען א קאָמיססיאָן וואָס איהר איינציגע אויפגאבע זאָל זיין דיא פערענטפערונג פון דיזער פראגע. עס פרייט מיך אייך צו בענאכריכטען, אז איך בין געווען זעהר

גליקליך קריגענדיג מענשען, וועמענס נאָמען איז א גאראנטיע, אז זיי וועלען געבען א ריכטיגען ענטפער אויף דיא פראגע.

עס איז זעהר טרויעריג, וואָס דיא גרעסטע אידישע מאסען געפינען זיך יעצט אין רוסלאנד, אין דיא ערגסטע פון אלע לענדער אין דער וועלט.

ווען דיא 6 מיליאָן מענשען וואָלטען געווען אין זייער אן אייגענע לאנד, דאן וואָלטען זיי געווען א קוואל פו ערמונטערונג און געזונדען לעבען פאר דיא איבעריגע אידען אין אלע לענדער. שטעלט זיך פאָר דיא מאכט פון 6 מילליאָן פרייע אידען !!! ארויסצופיהרען דיא מיליאָנען אידען פון דיא הויז פון שקלאפעריי און ברייונגען זיי אין א לאנד פון פרייהייט און דאָרטען אויפבויען זיי אין א פאָליטישע מאכט, אָט דאָס איז דיא גיגאנטישע ארבייט פון דער וט"א און דעריבער האָט זיא יעצט געפונען דיא סימפאטהיע כמעט פון דיא גאנצע אידישע פאָלק.

מיט ברידערליכען גרוס, ערגעבענסט אייערער איזראעל זאנגוויל.

## קייבעל פון ס. ס. רוסלאנד:

מיר בעגריססען פרייזידענט דיא קאָנווענשאָן און ווינשען שוועסטער־פארטיי ערפאָלג אין קאמפף פיר אונזער אידעאל.

## שוירט מייקער יוניאָן, פילאדעלפיא.

אנערקענענדיג דיא גוטע ארבייט וואָס איהר האָט געטאָהן פאר דיא ארבייטער מאססען, בעגריסען מיר אייך און ווינשען אייך ערפאָלג אין אלע אייערע אונטערנעהמונגען און ארבייט, וועלכע זיינען געווענדעט פאר דער גוטער זאכע פון דער בעפרייאונג פון דער ארבייטער קלאססע.

## פועלי ציון, נויאָרק.

גרוסס צו אייער קאָנווענשאן און איהר נאציאָנאל־סאָציאליסטישער ארבייט.

## יוסף בראָנדעס, נויאָרק.

ווינשע ערפאָלג אייער בעוועגונג. פאר דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאָן. עס לעבע די בעפרייאונג פון דער אידישען פאָלק פון זיין שקלאפעריי, אונטערדריקונג און פערפאָלגונגען.

## מ. קאַטץ, נויאָרק.

חברים ! מיר טהוט לייד, וואָס איך קען ניט מיט אייך, בעטהייליגען זיך אין דער ארבייט וואָס בעשטרעבט דיא פערווירקליכונג פון אייער אידעאל. ווינשע אייך ערפאָלג אין דער ארבייט. דריק אויס מיין ערנסטען וואונש אייך זעהען אויסארבייטענדיג א פלאן וויא זיך צו פעראייניגען מיט דיא פוע"צ. גענוג פראקציאָנען, שאפט פעראייניגונג.

## לייבע דער רויטער, נויאָרק.

ערפאָלג אין אייער ארבייט, חברים.

## צענט. קאָמ. ס. ט. נויאָרק.

מיר גראטולירען דעם 1טען פארטיי־קאָנפערענץ פון די ס. ט. פון אמעריקא. מיר האָפפען אז דיא דעלעגאטען וועלען פערשטעהען זייער פליכט צו דער גרויסער אידישער מאססע וועלכע ערווארטעט אז איהר וועט לייגען דעם ערשטען גרונדשטיין פיר דער אויפבויאונג פון א גרויסער מעכטיגער ס. ט. פארטיי אין אמעריקא. עס לעבע דער יודישער פראָלעטאריאט. עס לעבע דער סאָצ. טערריטאָריאליזם.

## י. וויינער, גרינוויל, מאַסס.

מיט מוטה און ענערגיע ארבייט פיר אונזער אידעאל. ערפאָלג איז זיכער. העלפט שאפען פיר דאס אידישע פאָלק לאנד און פרייהייט.

## צענט. קאָמ. ס. ט. קליוולענד.

מיט גרויס ענערגיע זיינען מיר בערייט אויפצונעהמען דיא בעשליססע פון קאָנווענשאָן.

## ס. ט. וויניפעג, קאַנאַדאַ.

מיר בעגריסען די ס. ט. קאָנוועגשאָן און ווינשען איהר אלמעג־ליכסטען ערפאָלג. עס לעבע די אללוועלטליכע ס. ט. פארטיי.

## פרל. ערסנער און שוועסטער פיינשטיין, פילאדעלפיא.

מעג די קאָנוועגשאן פיהרען צו פעראייניגונג, ברענגען דעם פריה־מארגען פון א ראָזע צוקונפט.

## ס. ט. ניו אָרלעאנס, לא.

בעגריסען דיא ערשטע פארטיי קאָנוועגשאן. ווינשען איניגקייט. לעבט אויף „דאס פאָלק.“

# רעזאלוציאנען.

## איבער סאציאַליזמוס.

דיא סאָצ. טערר. ארב. פארטיי פון אמעריקא שטעלט זיך אויפן שטאנדפונקט פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליזמוס און אנערקענט אז:

1. דיא יעצטיגע געזעלשאפט איז צוטהיילט הויפטזעכליך אויף 2 הויפט קלאסען: דריקער און אונטערדריקטע, קאפיטאליסטען און אַרבייטער. דיא ערשטע, דיא קאפיטאליסטישע קלאסע, איז דיא יעניגע וועלכע האָט אין פערלויף פון דער מענשליכער געשיכטע פערכאפט דעם בעזיץ פון אַלע פראָדוקציאָנס מיטעל, און דיא אנ־דערע, דיא אַרבייטער קלאסע, וועלכע בעזיצט מעהר ניט, וויא איהר אַרבייטס קראפט, און איז אבהענגיג אין פראָדוקציאָנס פראָצעס פון דיא בעזיצער פון דיא פראָדוקיצאָנס מיטעל.

2. דיא יעצטיגע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, גיט די פאָל־שטענדיג בענוצונגס־מעגליכקייט פון דיא געשאפענע רייכטהימער נאָר דעם קלענסטען טהייל פון דער געזעלשאפט, דער קאפיטאַליס־טישער קלאסע, ווערענד דער גרעסטער טהייל, דיא ארבייטער קלאסע, איז מיט איהר עקזיסטענץ אבהענגיג פון דער קאפיטאליס־טישער קלאסע.

3. די ענטוויקלונג פון דער טעכניק פיהרט איבער אַלץ מעהר דאצו דאָס דיא קאפיטאליסטישע קלאסע זאָל קענען פערוואנדלען צו גונסטען פון איהרע אייגענע אינטערעסען, דיא יעצטיגע פראָ־

דוקציאָן אין דער פאָרמע פון אַ גרויס פראָדוקציאָן. דאָס העלפט אויך מיט צו דער קאָנצענטרירונג פון קאפיטאל, וואָס ווייטער דיא קאָנצענטראציאָן געהט פאָר אלץ שארפער ווערט דער אנטאגאניזמוס צווישען דער קאפיטאליסטישער און ארבייטער קלאסע, אלץ גרעסר ווערט דיא נויטווענדיגקייט פון דער ארבייטער קלאסע אומצו ענדערען די יעצטיגע קאפיטאליסטישע געזעלשאפטליכע אָרדנונג אין אַ סאָציאליסטישע, וואו יעדער זאָל זיך קענען פאָלקאָמען פריי ענטוויקלען און געניסען דעם פולען ווערטה פון זיין ארבייט.

4. אום דאָס צו עררייכען איז אונבעדינגט נויטיג, אז די פראָדוקציאָנס מיטעל זאָלען ווערן דאָס אייגענטהום פון דער געזעלשאפט, דאָס דיא פראָדוקציאָן, וועלכע איז געזעלשאפטליך, זאָל אויך קאָנטראָלירט און געפיהרט ווערן פון דער געזעלשאפט און פאר דער געזעלשאפט.

5. אום דאָס דורכצופיהרן מוז זיך די קלאסע, וועלכע ליידעט אַם מייסטען פון דעם יעצטיגען קאפיטאליסטישען רעזשים, דיא ארבייטער קלאסע, אָרגאניזירען, אום מיט ערפאָלג אָנצופיהרען דעם קאמפף מיט דער קאפיטאליסטישער קלאסע.

6. די פאָזיציאָנען אין וועלכע דיא קאפיטאליסטישע קלאסע האָט זיך בעפסטיגט זיינען הויפטזעכליך :

1) דיא עקאָנאָמישע — דורך דעם וואָס זיא איז פאקטיש דיא בעזיצערין פון דיא פראָדוקציאָנס מיטעל, מיט וועלכע זיא עקספלואטירט די ארבייטערקלאסע און 2) די פאָליטישע — דורך דעם וואָס זיא האָט אויך פערכאפט דיא פאָליטישע מאשין מיט וועלכע זיא פערזיכערט איהר רויבערישע עקזיסטענץ.

7. דיא ארבייטער מאסען אין זייער קאמפף זיך צו בעפרייען פון קאפיטאליסטישען יאָך, מוזען אויך דאדורך קעמפפען עקאָנאָמיש און פאָליטיש.

8. דיא סאָצ. אָרגאניזאציאָן וואָס דארף פיהרען דעם קאמפף „אויףביידע פראנטען“ מוז אין אכט נעהמען דיא קולטורעלע אינטערעסען פון דיא ברייטע ארבייטער מאסען וועקען אין

זיי דעם רעוואָלוציאָנערען בעוואוסטזיין, און פאַרבעררייטען זיי פיר דער גרויסער היסטאָרישער רעוואָלוציאָן פיר דער אומוואַנדלונג פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליס־טישער.

9. צוליעב דער אייגענאַרטיגער סאָציאַלער סביבה פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, נעהמט אָן דער קאַמפּף פון דיא ארבייטער מאַסע פיר דיא אַלטעגליכע אינטערעסען וויא אויך פיר דער רעאַ־ליזירונג פון דעם ענד ציעל, דעם סאָציאַליזם, ביי יעדער בעזונדע־רער גרופּע פערשיעדענע פאָרמען. דיא אָרגאַניזירונג פון דיא אַר־בייטער מאַסען מוז דארום זיין צוגעפּאַסט צו דער בעזאָנדערער לאַגע פון יעדער איינצעלנער גרופּע.

10. דיא סאָצ. טער. ארב. פּארטיי, ערקלעהרט זיך אַלס דיא יעניגע וואָס פערטרעט אַלע אינטערעסען פון דיא אידישע ארבייטער מאַסען, און וועלכע שטרעבט צו אָרגאַניזירען דיא ברייטע אידישע ארבייטער שיכטען פאַר דעם קאַמפּף פאַרן סאָציאַליזמוס.

---

# איבער טעריטאָריאַליזמוס.

.1

1. דיא אידישע אַרבייטער קלאַסע, אַלס אַ אָרגאַנישער טהייל פון אַ טעריטאָריאַלאזען פאָלק, ליידעט וויא דיא איבריגע זיינע טהיילען פון די אוננאָרמאַליטעטען און אנאָמאַליען, וועלכע קומען אַלס אַ נויטווענדיגע פאָלגע פון דער טעריטאָריאַלאָזיגקייט.

2. אַלס דער אונטערדריקטעסטער און עקספּלאָאַטירטער קלאַס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט פיהלט דער אידישער פּראָ־לעטאַריאַט נאָך מעהר וויא דיא איבריגע פאָלקס־טהיילען, דיא פאָלגען פון דער אוננאָרמאַלער גלות־לאַגע און ער איז דאַפיר מעהר וויא אנדערע קלאַסען פעראינטערעסירט אין אַ ראַדיקאַלער לעזונג

פון דער פּראָבלעם, דיא הויפּט סבה פון וועלכער איז דיא טעריטאָ־ריאַלאָזיגקייט און ער ווערט דאַפיר דער אוואַנגאַרד פון דער בע־וועגונג, וואָס האָט זיך דיא לעזונג געשטעלט צור אויפגאַבע.

3. דיא אוננאָרמאַליטעטען וואָס זיינען אַ פאָלגע פון דער אויסנאַהמס־לאַגע פון דעם אידישען פאָלק, האָבען זיך אויסער דעם וואָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, קען ניט אַלס אַ טהייל פון אַ פאָלק וואָס בילדעט ניט אין ערגעץ קיין מאַיאָריטעט, פאָלקאָם בע־פרידיגען זיינע נאַציאָנאַל־קולטורעלע בעדירפניסע, אויסער דעם וואָס איהם קומט אוים ליידען צוזאַמען מיט'ן גאַנצען אידישען פאָלק בעוואוסטזיניגע אונטערדריקונגען און רדיפות — האָבען זיך בנוגע דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אַרויסגעוויזען אויך אין דעם, וואָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט, צוליעב דער אייגענאַרטיגער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלק, ניט פערנומען קיין וויכטיגע עקאָנאָמישע פּאָזיציע, נור איז מייסטענס געבליבען אין דער אָב־געשטאָנענער פּראָדוקציאָן וויא מאַנופאַקטור און הויז־אינדוסטריע, בילדענדיג דעם הויפּט עלעמענט פון דער „סוועטינג סיסטעם“, אונ־טער וועלכע דיא עקספּלואַטאַציאָן איז דיא גרעסטע און דער לוין דער קלענסטער, בעת דיא הויז פּראָדוקציאָן לויט איהר כאַראַקטער בעזיצט ניט דיא אָרגאַניזירענדע קראַפט, שאַפט ניט דעם אידישען אַרבייטער דיא אָביעקטיווע מעגליכקייט, ווערט ניט און קען ניט ווערען דיא „קאַמפּפס פּאָזיציע“ וואו דער אידישער אַרבייטער זאָל קענען אָנפיהרען איין ערפאָלגרייכען קלאַסען־קאַמפּף, און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וואָלט זיך ביי דער שאַרפער קאָנקורענץ און אונטער דיא אייגענאַרטיגע אומשטענדען וואָס איהם קומט אוים צו לעבען, זיך בּיסלעכווייז דעגענערירט, ווען ניט פיר דער עמיגראַ־ציאָן וואָס טראָגט אין זיך בעלעבענדע עלעמענטען.

כדי אָבצושאַפען דיא אַלע אנאמאליען שטרעבט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אָפּראַמען דיא הויפּט סיבה וואָס איז אין דעם אַלעם שולדיג, און אויף דער פראַגע געבען אַפּאָזיטיווען ענטפער, נעמליך,

צו ערוועדבען אַ אַ טעריטאָריום וואו מען וועט קענען שאַפען די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע פּאָליטישע בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פיר אַ בעזונדער נאָרמאַלער פאָלקס ענטוויקלונג, אין מאַטעריעלער, וויא אין גייסטיגער הינזיכט.

2.

1. דיא מאַסען עמיגראַציאָן וואָס געהט אָן אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַלס אַ סאָציאַלע ערשיינונג, אַ קינד פון דעם קאַפּיטאַליזמוס, זיא קומט אָבער פאָר ביי יעדער נאַציאָן און יעדער סאָציאַלער סביבה ניט אויס איינע און דיזעלבע סבות, דיא עמיגראַציאָן ביים אידישען פאָלק האָט אָנגענומען ניט דעם ערך גרעסערע וויא ביי אַנדערע פעלקער פּראָפּאָרציאָנען. דיא קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג, וואָס אונטערגראָבט בכלל דיא עקזיסטענץ פון דיא פערמיטלער, מאַכט אָן גרעסערע חורבנות ביים אידישען פאָלק, וואָס איז ביז דער לעצטער צייט בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון פערמיטלער, אַלס פּועל יוצא פון דעם גאַנצען ענטוויקלונגס גאַנג פון דער אידישער געשיכטע לויט איהרע אינערליכע געזעצמעסיגקייט. דיא חורבנות ווערען נאָך גרעסער צוליעב דער קאָנקורענץ וואָס דער אידישער קליינבירגער האָט אויסצושטעהן מיט דעם זעלבען ערשט - נור געבוירענעם קלאַס פון דער הערשענדער נאַציאָן, דער לעצטער אין זיין קאַמפּף מיט זיין אידישען קאָנקורענטען־קלאַס בלייבט דער מנצח, אויסנוצענדיג דיא שוואַכקייט פון דעם געגנער אין דער געזעלשאַפט, וויא אויך דיא פאָראורטהיילע וואָס זיינען אָנגעוואַקסען געגען איהם, — דיא קליינבירגער פערליערען שנעל זייער באָדען, קענען אָבער ניט איבערגעהן אין אַ העכערער שטופע פון פּראָדוקציאָן, געפינענדיג פיר זייערע קרעפטען אָן ענגען געביט, אָן ענגע סביבה פון בלויז אָבגעשטאַנענע צווייגען פון פּראָדוקציאָן. עס ענטשטעהט אַלענפאַלס אויף דעם געביטה אַ שאַרפע קאָנקורענץ, און דיא „רעזערוו אַרמיי" וואָס איז אַזוי אויך געוועזען גענוג גרויס, ווערט נאָך גרעסער און זיא שטעלט עס צו דיא גרויסע עמיגרירענדע מאַסען.

2. דיא עמיגראַציאָן וואָס איז הויפּטזעכליך אַ רעזולטאַט פון דיא ספּעציעלע געשיכטליכע עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועט ווייטער אָנגעהן, מעג זיך אַפילו דיא יורידישע לאַגע פון דעם אידישען פּאָלק אין דיא עמיגראַציאָנס לענדער ענדערען, און זוכען אַ פּלאַץ וואו זיא זאָל קענען געווענדעט ווערען.

3. אין דיא בעגרענצטע נייע צענטערם בעגעגענט אָבער דיא אידישע עמיגראַציאָן וואָס אַמאָהל מעהר שוועריגקייטען, דאָס ערגסטע אָבער איז, אַז אין דיא נייע לענדער איז דעם אידישען פּאָלק ניט געלונגען צוליעב דיזעלבע עקאָנאָמישע געזעצע ענדערן זיין סאָציאַלע לאַגע, כאָטש דיא לעצטע האָט זיך עטוואס פערבעסערט מאַטעריעל.

4. עס ווערט דאַפיר געבוירען דיא נויטיגקייט, און אונטער דיזע אומשטענדען, אויך דיא מעגליכקייט אַז דיא עמיגראַציאָן זאָל אָבגעווענדעט ווערן אין אַ נייעם צענטער וואו דיא עקאָנאָמישע פּאָזיציעס זיינען נאָך פון קיינעם ניט פערכאַפּט, וואו דיא אידישע לאַגע וועט קענען נאָרמאַליזירט ווערען, און דער גלייכגעוויכט אין דער פערטהיילונג פון דיא סאָצ. פונקציאָנען זאָל עטאַבלירט ווערן.

5) דער נאַציאָנאַלער בעוואוסטזיין און דיא נאַציאָנאַלע ערוואַכונג אין דער לעצטער צייט ביים אידישען פּאָלק, ענטשטאַנדען וויא ביי אַלע אַנדערע פעלקער, צוליעב דער קולטורעלער אויפהויבונג פון דיא ברייטע פּאָלקס מאַסען, וועקט דאָס פּאָלק צו רעאַגירען אויף יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און, אין דער לעצטער אינסטאַנץ, פיהרט עס צום טעריטאָריאַליזם.

6. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס בעגרייפט דיא טענדענצען פון דער אידישער עקאָנאָמיק, וואָס פערשטעהט דיא ענדליכע ענטוויקלונג פון עמיגראַציאָנס פּראָצעס, וואָס איז אין יעדער הינזיכט ראַדיקאַל געשטימט, שטעלט זיך ניט אָפּ אויף פּאַליאַטיווען אין עקאָנאָמישער הינזיכט, ווי אין נאַציאָנאַלער, נעהמט אויף דעם טעריטאָריאַליזם, אַלס דעם איינציגען ראַדיקאַלסטען ענטפער אויף דער אידישער פּראָבלעם, ראַדיקאַליזירענדיג אויף זיין וועג די

אַלע אַנדערע עלעמענטען פון דעם אידישען פאָלק וואָס זיינען פער־אינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזם, און נוצט אויס יעדע שטימונג פון דער געזעלשאַפט פיר דעם טעריטאָריאַליזם.

7. דיא הויכ־אינדוסטריעל־ענטוויקעלטע רעגיערונגען, וואָס אום צו בעקומען אַ פּלאַץ פיר דעם אָפּזאַץ פון זייערע וואַארעס, בע־שעפטיגען זיך מיט קאָלאָניאַל ־ פּאָליטיק, באַטען אָן, אויב זיי האָ־בען נאָר אונבעזעצענע לאַנד, צוליעב דיזעלבע טעמים, ווי אויך צוליעב דעם, דיא קאַפּיטאַליסטען זאָלען האָבען אַ לאַנד וואו צו אינ־וועסטען זייערע קאַפּיטאַלען, — דאָס לאַנד פיר קאָלאָניזאַציאָן, און וויא דיא געשיכטע פון קאָלאָניען אין לעצטען יאהרהונדערט לערנט אונז זיינען געגרינדעט געוואָרען — און עס גרינדען זיך — נייע געזעלשאַפטען. דיא אידישע עמיגראַציאָן וואָס זוכט אונבעזעצענע לאַנד פיר איהר אָפּזאַץ ענטפּערט דיא בעדירפניסע פון יענע לענדער אין קאָלאָניסטען; פון דיזער קאָמבינירונג פון אין דעם עמיגראַציאָנס — אימיגראַציאָנס פּראָצעס, זיך צוזאַמענטרעפענדע אָביעקטיווע קרעפטען ענטשטעהען דיא יסודות פון אַ נייער אידישער געזעלשאַפט.

8. דיא קאָנצענטראַציאָן פון דיא עמיגרירענדע קרעפטען, וואָס איז וויכטיג פיר דעם אויפבויען פון אַ אידישער געזעלשאַפט, קומט ערשטענס עלעמענטאַל מיט דער קאָלאָניזאַציאָן וואָס פער־באָרגט אין זיך דעם כח פון קאָנצענטראַציאָן. אין דעם פאַל שפּיעלט אויך אַ ראָלע דיא נאַציאָנאַלע „מאַגנעטישע קראַפט“, וועלכע צו־ליעב פערשטענדליכע סבות, ציהט צוזאַמען און גרופּירט מענשען פון איין נאַציאָן אויף איין פּלאַץ, און אין איין צענטער כל זמן אין יענעם פּלאַץ איז פאַראַנען „בית קיבול“ געגוג, ניט ווינציגער וועט דאָ ווירקען דער קריסטאַליזירטער נאַציאָנאַלער בעוואוסטזיין, אונ־טער וועמעס קאָנטראָלע עס וועט אָרגאַניזירט ווערן דיא געזעל־שאַפט — דער בעוואוסטזיין וואָס ווערט אָפּט אונטער געוויסע אומשטענדען אַ זעלבסטשטעהענדער פאַקטאָר.

.3

אונזערע אויפגאבען:

1. אָרגאַניזירען דעם איד. פּראָל. פון דער גאַנצער וועלט אויף דעם באָדען פון סאָצ. טעריט.

2. אנפיהרען אונטער דער ברייטער אידישער מאַסע פון פאָלק אַן אַגיטאַציאָן פיר דעם טעריט. און אָנווייזען אויף דעם טעריט. אַלס דעם איינציגען ראַדיקאַלען ענטפער אויף דער אידען - פראַגע.

3. שאַפען אַ אינסטיטוציאָן וואָס זאָל זיך פערנעהמען מיט דער ענטשיידונג פון עמיגראַציאָנס פּראָבלעם אין טעריטאָריאליסטישען זינן; דיא רעגולירונג פון דער עמיגראַציאָן וועט זיין איינע פון איהרע נאָהענטעסטע אויפגאבען.

4. העלפען שאַפען דיא נויטיגע יורידישע אינסטיטוציאָנען, וואָס זיינען נויטיג פיר דעם אַריינטרעטען אין אָפיציעלע פערבינדונגען מיט דיא רעגירונגען, וועלכע פיהרען עקספּאנסיאָן פּאָליטיק.

---

# אונזער שטעלונג צו דער יט"א.

1. אַנערקעננדיג דאָס אויך אַנדערע קלאַסען פון דעם אידישען פאָלק, אַ חוץ דעם פּראָלעטאַריאט, ליידען אין דער אָדער יענער פאָרם פון גלות לעבען, זעהן אין דער ערגייכונג פון אַ לאַנד אַ אַנטוואָרט אויף דער פּראָבלעם וואָס וואקסט פון דעם אונאָרמאלעם גלות לעבען און אָרגאַניזירען זיך אויף דעם טעריטאָריאליסטישען באָדען.

2. אַז דיא ערווערבונג פון אַ טעריטאָריום פאָדערט דיא צוזאמענווירקונג פון אַלע אין טעריטאָריאליזם פעראינטערעסירטע קרעפטען.

3. דאָס דיא ערוערבונג פון א טעריטאָריום, ווען זיא זאָל שטעהן אונטער דיא דירעקטע ווירקונג פון פּראָלעטאַריאַט, דער אקטיווסטער עלעמענט אין דער פּראָלעטאַריאַט, קען און וועט גע־פיהרט ווערן אויף אַדעמאָקראַטישען און פּראָגרעסיווען וועג.

4. דאָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועלכער איז שטרענג אָרגאַניזירט אין א פּאַרטיי אויף דעם באָדען פון זייערע קלאַסען אינטערעסען און סאָציאַליזמוס איז גענוג קלאַסען־בעוואוסט אז ער זאָל אויסאיבען אַן איינפלוס אויף דיא אַקטען פון אַלע טערר. אינ־סטיטוציאָנען. פּיהרען און ניט געפיהרט ווערען.

5. דאָס דער בעסטער מיטעל צו ווירקען אויף דעם קאָנגרעס, דיא העכסטע אינסטאַנץ, איז נור דורך אַן אנגעזעהנע פערטרעטונג פון פּראָלעטאַריאַט וואָס קען נור זיין דורך פּערעראַטיווע פער־איינינונג.

6. זיי עס בעשלאָסען, דאָס פּרינציפּיעל זיינען מיר פיר אריינ־טרעטונג אין אַן אַלגעמיינע טערר. אָרג. אויף פּעדעראַטיווע יסודות און געהן מיט איהר האַנד אין האַנד אַזוי ווייט וויא עס ווידער־שפּרעכט ניט אונזערע פּרינציפּען.

בעמערקונג. — אַזוי אָבער וויא דיא יעצטיגע יט"א טראָגט א פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער און שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין דעמאָקראַטיש אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, קענען מיר הערוויל אין איהר ניט אריינטרעטען. מיר פּערפּליכטען זיך אָבער צו שטיי־צען דיא רעאַלע אַקטען פון דער יט"א און בעמיהען זיך אויסצואיבען אונזער איינפלוס אויף דער יט"א וויא ווייט מעגליך. מיר ערקלעה־רען זיך אויך בערייט צו העלפען דיא אידישע מאַסען זיך אָרגאַני־זירען אויף דעם באָדען פון טעריטאָריאַליזם.

# דיא נאציאנאלע פאדערונגען אין דיא גלות לענדער.

ווען מיר אנערקענען דעם טעריטאריאליזם אלס דיא ראדי־קאלע לייזונג פון דער אידשער נאציאנאלער פראגע אין דער צוקונפט פערנעהמען מיר זיך דאך מיט נאציאנאלע פאדערונגען אין דיא גלות לענדער, וואו דיא אידישע מאסע איז קאנצענטרירט, אלס א טהייל פון אונזער געגענווארטס - ארבייט.

דיזע געגענווארט ארבייט אבער, צוליעב דעם, וואס דאס אידישע פאלק איז א שוואכער ארגאניזם און איז צו־ווארפען אין קליינע מינאריטעטען צווישען ניט דער ערך פון איהם שטארקערע קאמפאקט און נארמאל לעבענדע פאלקס ארגאניזמען, טראגט מעהרסטענס־טהיילס א פאליאטיווען כאראקטער. דיזע פאדערונגען זיינען דאך וויכטיג, ווייל זיי ענטהאלטען אין זיך פאקטארען, וועל־כע קענען דיענען אלס מיטלען צום טעריטאריאליסטישען ענד־ציעל.

אנערקענענדיג דיא שפראך, פאר דעם וויכטיגסטען אטריבוט פון דעם נאציאנאלען ארגאניזם, דיא שוהל און ליטעראטור פאר דעם הויפט אויסדרוק פון דער נאציאנאלער עקזיסטענץ, פאדערן מיר איבעראל דאס רעכט זיך צו בענוצען מיט דער אידישער שפראך אין אלע רעגיערונגס אינסטיטוציאנען, די נאציאנאליזירונג פון דער שוהל פאר דיא אידישע מאסען.

דיזע פאדערונגען האבען אבער אפט מאהל אונטער געוויסע אומשטענדען קיינע שאנסען דורכגעפיהרט צו ווערען אין לעבען, נעמליך דאן, ווען דער עלעמענט, אויף וועלכען דיזע פאדערונג שטיצט זיך, איז צו שוואך אליין זיין אויפגאבע צו פערווירקליכען, און דיא ארומיגע געזעלשאפט האט ניט קיינע גענוגענדע מאטיווען דיזע פאדערונגען צו אונטערשטיצען, דאן פערנעהמט דיא נאציא־נאלע טהעטיגקייט דעם פלאץ פון דיא נאציאנאלע פאדערונגען.

אין דיזען געשטאַלט טרעט דער פאל דייטליך ארויס אין אמעריקא.

צונויפגעשטעלט פון טהיילען כמעט פון אַלע נאַציאָנען שטעלט מיט זיך אַמעריקא דאָך פאָר, נאָך דעם כאראקטער פון איהר אינער־ליכען לעבען ניט קיין נאַציאָנאַליטעטען נור א נאַציאָנאַלען שטאַאט. אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וועלכע וועלען געשטעלט ווערן פון אונז אַלס איינצעלנע נאציאָנאַלע גרופּע, ניט זייענדיג אונטער־שטיצט פון אנדערע נאַציאָנען, אזוי וויא דיא לעצטע פיהרען ניט דאָ קיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, און ניט זייענדיג אויך אונטערשטיצט פון דער האַלב אַסימילירטע אידישע בעפעלקערונג — האָבען קיין מעגליכקייטען דאָ פערווירקליכט צו ווערן.

ארויסזאָגענדיג זיך אַלזאָ פּרינציפּיעל פיר בעשטימטע נאַ־ציאָנאַלע פּאָדערונגען, מוזען מיר אין דער פּראַקטיק אין יעצטיגען מאָמענט, אין דיזען פּלאַץ דיא נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פערבייטען אויף נאַציאָנאַלע טהעטיגקייט, וויא צ. ב. העלפען ענטוויקלען דיא אידישע שוהל, שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט, שטיצען אידישע אַגריקולטור שוהלען, העלפען שאַפען א געזונדע נאַציאָנאַלע פּרע־סע, פיהרען אנאַציאָנאַלע אַגיטאַציאָן און פּראָפּאַגאַנדא.

# וועגען פעראייניגונג פון אַלע סאָצ. טער. פּאַרטייען.

1. דיא ערשטע אָרדענטליכע קאָנווענשאָן פון דיא סאָצ. טער. אנערקענענדיג דאָס עס איז אונבעדינגט נויטיג דיא קאָנפעדערירונג פון דיא ס. ט. בעוועגונגען אין אַלע לענדער און אין אַלע אַלגעמיי־נע פראַגען, בעפאָלמעכטיגט דעם צ. ק. אם גיכסטען אויפטראַגען זיך מיט אַלע ס. ט. אָרגאַניזאַציאָנען און שאַפען א סעקרעטאַריאַט וועלכער זאָל זיך נעהמען פיר דיזע אויפגאַבע.

2. אנערקענענדיג אז דיא י. ט. א. פ. אונטערשיידעט זיך ניט פיעל אין איהר טהעאָריע און פּראַקטיק פון דער ציונ. סאָצ. ארב. פּארטיי.

אז א פעראייניגונג פון דיא אַלע סאָצ. טער. כוחות איז נויטיג אין די אינטערעסען פון דעם סאָצ. טערר. און עס העננט אין דעם פיעל אָב זיין ערפאָלג.

זיי עס בעשלאָסען צו בעפאָלמעכטיגען דעם צ. ק. צו נעהמען דיא נויטיגע שריטע צו פעראייניגען דיא ביידע פּארטייען.

---

# איבער דיא ס. ס. אין רוסלאנד.

אנערקענענדיג:

1. אז דער אידשער ארבייטער קלאַס איז דער וויכטיגסטער עלעמענט אין אידשען פאָלק, וואָס איז אם מייסטענס געטריבען דורך זיין נאציאָנאַל סאָציאַלער לאַגע און בעדירפניסע צום טערי־טאָריאליזם און צו זיין רעאַלער פערווירקליכונג.

2. אז דיא צ. ס. א. פ. אין רוסלאנד איז א פּארטיי, וואָס האָט זיך פון ערשטען טאָג פון איהר ענטשטעהען געשטעלט אויף דיזען באָדען, אויפן באָדען פון נאציאָנאַל־טעריט. בעדירפניסע אין פאָדערונגען פון אידשע ארבייטער, און האָט פערנומען א וויכטיגע פּאָזיציע אין אידישען לעבען אין רוסלאנד אָנפיהרענדיג דעם קאמפף פון דיא אידישע מאַסען דאָרט אויף אַלערליי געביטען פון לעבען, אומוועלצענדיג דעם גאנצען גייסטיגען לעבען פון אידישען פּראָ־לעטאַריאט.

3. אז די צ. ס. א. פ. איז די סאָצ. טעריט. פּארטיי אין רוסי־שען יודענטהום וואָס האָט פון דעם ערשטען טאָג פון איהר ענט־שטעהען גענומען א שטארקען אנטהייל אין פּאָליטישען קאמפף און בעטהייליגט זיך אן איהם אויך יעצט, ברענגענדיג דאָביי מאַסען אָפּפער.

דריקט דיא קאָנוועגשאָן אויס איהר פולע סאָלידאַ־ריטעט מיט דיזער פארטיי און בעגריסט איהר מיט איהר ערשטען צוזאמענפאָהר.

---

## וועגען דער י. ט. א. פ.

דיא קאָנוועגשאָן דריקט אויך אויס איהר סאָלי־דאריטעט מיט דער אידישער טערר. ארבייטער פארטיי פיר איהר אָרגאניזירען דיא ארבייטער מאסען אויף דעם באָדען פון טעריטאָריאליזם.

---

## וועגען י. ס. א. פ.

דיא קאָנוועגשאָן דריקט אויס איהר סימפאטהיע מיט דער י. ס. א. פ. פיר איהר נאציאָנאל סאָצ. ארבייט וויא אויך פיר זייער טעריט. אגיטאציאָן.

---

## איבער פועלי ציון.

מיר אנערקענען פיר ניצליך דיא ארבייט פון פועלי ציון אויף וויעפיעל זיי פראפאגאנדירען דיא נויטווענדיגקייט פון א טערי־טאָריום פאר דעם אידישען פאָלק. מיר בעקעמפפען אָבער זייער „נור פאלעסטינישע“ אגיטאציאָן, וועלכע מיר אנערקענען פיר שעדליך פאר דיא לעבענס אינטערעסען פון דיא ברייטע אידישע מאסען.

---

# איבער טרייד יוניאנס און אינדאסטריאליזם.

1. מיר אנערקענען דאס דער קאמפף פון ארבייט געגען קאפיטאל קען ניט זיין ערפאלגרייך, כל זמן דיא ארבייטער ארגא־ניזאציאנען וועלען זיך ניט שטעלען אויף דעם באדען פון קלא־סען ־ קאמפף.

2. מיר בעטראכטען דיא טרייד־יוניאנס, וועלכע זיינען א דירעקטער פראדוקט פון דעם אלטעגליכען צוזאמענשטויס פון דיא ארבייטער מאסען מיט זייערע אויסבייטער דיא קאפיטאליס־טען, אלס די ארג. פון דער ארבייטער־קלאסע, די אויפגאבע פון וועל־כע דארף זיין צו קעמפפען פיר דיא אלטעגליכע אינטערעסען פון די ארבייטער מאסען, צו ארגאניזירען דיא לעצטע, פערברייטערן און פערשארפען דיזען קאמפף און פערוואנדלען איהם אלץ מעהר אין א ברייטען סאציאלען קאמפף.

3. ביי דער מאדערנע ענטוויקלונג פון קאפיטאל און אינדוסטרי ביי איהר שטארקער אבהייננגיגקייט פון איין פאך אן צווייטען, איז דיא בעסטע פארמע פון ארגאניזאציאן פיר דיא יוניאנס, ניט לויט דיא פאכען, נאר לויט דער אינדוסטריע, דען דאס גאראנטירט דיא ארבייטער דעם בעסטען ערפאלג אין זייער קאמפף, און לערנט זיי דעם סאלידאריטעט געפיהל, פערשטארקט דעם קלאסען בע־וואוסטזיין וואס איז אזוי אונבעדינגט נויטיג פיר דעם ענדליכען זיעג פון סאציאליזמוס.

4. „דיא אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר" אין געוויסער־מאסען אויך דיא אידישע געווערקשאפטען, וועלכע זיינען ארגא־ניזירט לויט דיא פאכען ענטשפרעכען ניט דיא פאדערונגען פון דער מאדערנער ענטוויקלונג פון היינטיגער טעכניק און אינדוסטריע מו־

זען אין דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער מאסען און פון סאָ־ציאַליזמוס איבערגעבויט ווערען לויט דיא אויבען דערמאָנטע פּרינציפּען.

5. צור זעלבער צייט אנערקענען מיר אָבער אזביים יעצטיגען צושטאַנד פון אונזער פּארטיי, ווי אויך צוליעב אונזער ווייניג בע־קאַנטשאַפט מיט דעם אמת'ן צושטאַנד פון דיא צוויי קערפּערשאַפ־טען, דארף דיא פראגע וואָס פיר א שטעלונג צו נעהמען אין דער הינזיכט, צו רעפאָרמירען דיא יוניאָנס פון אינעווייניג אָדער בויען אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס, בלייבען דערווייל אָפען. מיר פערפליכטען אָבער אונזערע פעראיינען זיך צו בעמיהען דאָס זייערע מיט־גליעדער זאָלען אריינטרעטען אין דיא יוניאָנס ווען אזעלכע זיינען פאראנען, שאַפען יוניאָנס וואו זיי זיינען ניטאָ און אָנווענדען אלע אונזערע כוחות אויף פערמיידען דעם ברודער קריעג אין דיא אָר־גאַניזירטע ארבייטער רייהען.

---

# זעלבסט-פערטהיידיגונג.

אנערקענענדיג:

1) דאָס אין דער לאַגע, אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך אין אייניגע לענדער, בכלל, און אין רוסלאַנד, בפרט, איז עס אָפט פיר איהם נויטיג, כדי צו שיטצען זיין לעבען, עהרע און רעכט ארויסצוטרעטען אין זעלבסטפערטהיידיגונג געגען דיא אָנגרייפער,

2) דאָס דיא זעלבסט-פערטהיידיגונג, קומענדיג אלס דירעקט־ער ענטפער אויף דיא אנגריפע, וועלכע האָבען, אלס זייער אויס־גאַנגס פונקט דיא שנאה צום גאַנצען אידישען פאָלק, אויסנוצענדיג זיין אלגעמיינע שוואכקייט, — איז א נאַציאָנאַלע, ניט קיין קלאַ־סען זאַך.

3) דאס דיא זעלבסט־פערטהיידיגונג קען נור דאן ווערען א מאכט, ווען אלע טהיילען פון פאלק זיינען אין איהר פעראייניגט.

זיי עס בעשלאסען, צו רעקאמענדירען אונזערע שוועסטער־פארטייען אין רוסלאנד אין דער פראגע פון זעלבסט פערטהיידיגונג צו געהען האנד אין האנד מיט אלע עלעמענטען פון דעם אידישען פאלק.

בעמערקונג: אויך אין דער זאמלונג פון געלד, וואס ווערט אין דעם לאנד געמאכט אין דיא פעלע געהען מיר אויך צוזאמען מיט אלע עלעמענטען פון דעם אידישען פאלק, וואס ארבייטען פיר דיעזען צוועק.

---

# ארגאניזאציאנס-סטאטוטען.

## 1. דיא פארטיי.

1) יעדער וועלכער ערקלעהרט זיך איינפערשטאנען מיט דיא פרינציפען פון אונזער פלאטפארם קען ווערען א מיטגליעד פון דער פארטיי.

## 2. פעראיינען.

1) 25 חברים בילדען א פעראיין.

2) דיא פעראיינען בילדען דיא פארטיי און נעהמען אנטהייל אין איהר, אלס גאנצע

3) ווענינער אלס 25 חברים בילדען א גרופפע וועלכע איז בעשרענקט אין איהרע ארגאניזאציאנס רעכטע.

4) אין א שטאדט וואו עס איז נאך ניטא קיין ס. ט. פעראיין בילדען 15 חברים א פעראיין.

5) יעדער פעראיין האט פאלשטענדיגע אויטאנאמיע אין אלע ענינים וואס האבען ניט קיין אלגעמיינעם פארטיי כאראקטער.

6) קיין פעראיין האט ניט דאס רעכט זיך אנצושליעסען אין אנאנדער פארטיי.

7) דער פעראיין איז פערפליכטעט צו צאָהלען פּארטיי־שטייער פיר אלע זיינע חברים, 10 סענט א מאָנאט פון יעדען חבר.
8) 2 אָדער מעהרערע פעראיינען אין איין שטאָדט פער־בינדען זיך אין א ארטיגען קאָמיטעט וועלכער ווערט דער פער־מיטלער צווישען דער העכערער אינסטאַנץ אין די פעראיינען.
9) יעדער פעראיין מוז בעריכטען פון זיין טהעטיגקייט צו דער העכערער אינסטאַנץ אַלע 2 מאָנאַט.
10) קיין פעראיין קען ניט ארויסגעבען פּארטיי ליטעראַטור אָהן דער צושטימונג פון צ. ק.

### 3. צענטראַל קאָמיטע.

1) אלס פאָרשטעהער פון דער אָרגאַניזאציאָן ווערט אנער־קענט דער צ. ק.
2) די פעראיינען ווענדען זיך צו איהם נאָך דירעקטיווען און ערקלערונגען אין יעדער אַלגעמיינער פּארטיי פראגע.
3) דער צ. ק. פערוואלטעט מיט דער ליטעראַטור און מיט דער פּאַרטיי פּרעססע.
4) דער צ. ק. ערוועהלט די רעדאקציאָן פון דעם פּארטיי־אָרגאַן און בעשטימט געוויסע בעציהונגען צווישען זיך און דער רעדאַקציאָן.
5) דער צ. ק. פערבינדעט די פּארטיי מיט אנדערע אָרגאַ־ניזאַציאָנען און פּאַרטייען.
6) דער צ. ק. ווערט ערוועהלט אויפ׳ן קאָנווענשאָן, בע־שטעהענד פון 11 חברים. 5 פון זיי ווערען ערוועהלט אלס סעקרע־טאַריאַט וועלכע זיצט אויף איין אָרט, די איבעריגע 6 — פון דער פּראָווינץ. דער פּלאַטץ פיר׳ן סעקרעטאַריאַט איז ניו יאָרק. יעדער פון דער פּראָווינץ האָט דאָס רעכט צו קאָאָפּטירען (מיט דער צו־שטימונג פון צ. ק.) צו איין חבר פון פערשיעדענע שטעדט אין זיין ראַיאָן, און בילדען צוזאַמען א ראַיאָן׳ס קאָמיטעט, צו פיהרען די ספּעציעלע ארבייט פון דעם געהעריגען ראַיאָן.

7) דער גאַנצער צ. ק. האַלט אָפּ צוזאַמענפאָהרען ניט ווייניגער וויא 2 מאָהל יעהרליך.

8) דער צ. ק. איז פערפליכטעט צוצושטעלען אַ פאָלשטענדיגען בעריכט פון זיין טהעטיגקייט און פון דיא פינאַנצען יעדע פיער מאָנאַט.

## 4. צוזאַמענפאָהר.

1) אַלס העכסטע אינסטאַנץ פון דער פּאַרטיי איז דער צוזאַמענפאָהר פיר וועלכע אַלע אינסטיטוציאָנען זיינען פעראַנטוואָרטליך.

2) דער צוזאַמענפאָהר ווערט איינבערופען פון צ. ק. ניט ווייניגער פון איינמאָהל יעהרליך.

3) דער צ. ק. איז געצוואונגען צו בערופען אַ קאָנווענשאָן צו יעדער צייט ווען דאָס פאָדערען צוויי דריטעל פון דיא רעדזשיסטרירטע פעראיינען.

4) יעדער פעראיין ווערט רעפּרעזענטירט אויפ'ן צוזאַמענפאָהר נאָך דעם צאָהל פון דיא מיטגליעדער וויא פאָלגט:

א) אַ פעראיין פון 25 גוטשטעהענדע מיטגליעדער, וועלכע צאָהלען פּאַרטיי־שטייער, שיקט 1 דעלעגאַט.

ב) אַ גרופּפּע ווענינגער פון 25 און מעהר אַלס 12, ווען זיא איז דיא איינציגע אין שטאָדט, שיקט איין דעלעגאַט.

ג) אַ גרופּפּע ווענינגער פון 12, ווען זיא איז דיא איינציגע אין שטאָדט, און ווענינגער פון 25, ווען אין שטאָדט זיינען דאָ אַנדערע פעראיינען, שיקען איין דעלעגאַט מיט אַ בעראַטונגס שטימע.

ד) אַ פעראיין, וואָס צעהלט 40 חברים, שיקט 2 — 65—3 דעלעגאַטען א. ז. וו.

ה) 2 אָדער מעהרערע גרופּען, וועלכע זיינען ניט בערעכטיגט צו שיקען קיין דעלעגאַטען, קענען זיך פעראייניגען און צוזאַמען שיקען אַ דעלעגאַט.

5) דער צ. ק. נעמט אנטהייל אין דער קאָנוועגשאָן מיט אַ בעראַטונגס שטיממע.

6) דער צ. ק. איז בערעכטיגט צוציהען אָדער איינצולאדען צום קאָנוועגשאָן איינצעלע פערזאָנען, וועלכע ער געפינט פיר וויכטיג, מיט בעראַטונגס רעכט.

## 5. ראַיאָנ׳ס צוזאממענפאָהר.

דיא ראַיאָנע פאָרשטעהער בערופען ניט וועניגער וויא איין צוזאממענפאָהר פון ראַיאָן יעהרליך. אויפ׳ן צוזאממענפאָהר נעהמען אנטהייל איין דעלעגאַט פון יעדען פעראיין.

# „דער נייער וועג"

וועכענטליכער ארגאן פון דער

**ציונ. סאצ. ארבייטער פארטיי, (ס. ס.) פון רוססלאנד.**

פרייז 8 סענט א קאפיע.

צו בעקומען אין אפפיס „דאס פאלק," 53-51 קאנעל סט., ניו יארק.


---

# פערלאג „דאס פאלק"

עס פערטיגט זיך צום דרוק און אין גיעבען וועט אנפאנגען צו ערשיינען א

סעריע פאפולערע בראשיורען איבער פערשיעדענע

סאצ. טערר. פראגען :

1) וואס ווילען דיא סאציאליסטען טערריטאריאליסטען ?

2) וויא אזוי קאן דער טערריטאריאליזם פערווירקליכט ווערען ?

3) דארפען אידישע סאציאליסטען זיין טערריטאריאליסטען ?

4) דער אידישער ארבייטער אין אמעריקא.
(אויף'ן גרונד פון אמעריקאנער אפיציעלער סטאטיסטיק.)

5) נייע קאלאניען אין 19טען יאהרהונדערט.

6) דיא אידישע קאלאניזאציאן אין דער לעצטער צייט.

7) פאלעסטיניזם און טערריטאריאליזם.

8) צו דער געשיכטע פון סאציאליסטישען טערריטאריאליסטישען געדאנק

9) דער בונד א מאהל און היינט.

10) דיא אידען פראגע און דער טערריטאריאליזם.